# זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבֹואוּ בוֹ

## סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָּמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגֶא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב **יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בִּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

עִם פֵּירוּשׁ

## שְׂפָתַי תִּפְתָּח

אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
### וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
### בארא פארק
**1415 55 Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
### קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
### בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
### מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
### ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
### בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# הספר הקדוש
# הזה

נדפס לטובת נשמת מאור עינינו, חיות נפשינו, עטרת ראשינו, כבוד קדושת

מרן הגה"ק רבי

# אליעזר שלמה

בן רבי

# מנחם זאב

זצוקללה"ה

נלב"ע י"ז שבט תשע"ה

**ת.נ.צ.ב.ה.**

# הספר הקדוש הזה

נדפס לזכות
מורינו ראש ישיבה שליט"א
וזוגתו
אסתר גיטל תחי',

וילדיהם
שלמה ומשפ',
אלחנן חיים ומשפ',
מרים העניא זיסל ומשפ',
שמעון ומשפ',
נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל
לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל,
מלכה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם
לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי
חלציהם, אמן כן יהי רצון.

# הַקְדָמָה

דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לוֹיטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַּחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"ש אוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אוֹיף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מוֹחוֹת זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אוֹיפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִּיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִּיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶּער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִּיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַּחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארְעֶכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

**טַעַם עוֹלָם הַבָּא**

לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים** (שְׁמוֹת כ, ב)

## ד

לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

**אָנֹכִי** ה' אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים (שְׁמוֹת כ)

**א כְּשֶׁאָדָם** יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ, זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים נו): "בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר".

**וְזֹאת** הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (פְּסָחִים נ.): "בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה ה' אֶחָד" וְכוּ', וְהִקְשׁוּ: 'וְכִי הָאִידְנָא לָאו הוּא אֶחָד'? וְתֵרְצוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'הָאִידְנָא מְבָרְכִין עַל הַטּוֹבָה הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, וְעַל הָרָעָה דַּיַּן אֱמֶת, וּלֶעָתִיד כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב',

**כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ** ווען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט, **שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו** אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים, **הֵם לְטוֹבָתוֹ** אִיז פַאר זַיין גוּטְס - **זֹאת הַבְּחִינָה הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא** דָאס אִיז אַבִּיסְל פוּן דִי טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין עוֹלָם הַבָּא.

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים נו, יא): **'בַּהֲוָיָ"ה אֲהַלֵּל דָּבָר'** ווען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ צוּ מִיר מִיט מִדַּת הָרַחֲמִים (שֵׁם הֲוָיָ"ה ווייזְט אוֹיף רַחְמָנוּת) - לוֹיבּ אִיךְ אִים, **'בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר'** אוּן ווען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ צוּ מִיר מִיט מִדַּת הַדִּין (שֵׁם אֱלֹקִים ווייזְט אוֹיף דִין) - לוֹיבּ אִיךְ אִים. **וְזֹאת** הַבְּחִינָה ווען מֶען ווייסְט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז

גוּט - **הִיא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא** דָאס אִיז אַבִּיסְל פוּן דִי טַעַם וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין עוֹלָם הַבָּא. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים נ.) אוֹיפְן פָּסוּק (זְכַרְיָ' יד, ט): **'בַּיּוֹם הַהוּא'** אִין יֶענֶעם טָאג ווען מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען, **'יִהְיֶה ה' אֶחָד' וְכוּ'** ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין אֵיינְצִיג, **וְהִקְשׁוּ** פְרֶעגְט דִי גְמָרָא: **'וְכִי הָאִידְנָא לָאו הוּא אֶחָד'** אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַיינְט נִישְׁט אֵיינְצִיג? **וְתֵרְצוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא: **'הָאִידְנָא'** אִין דִי הַיינְטִיגֶע טֶעג **'מְבָרְכִין עַל הַטּוֹבָה'** ווען עֶס גֵייט גוּט מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה: **'הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב'**, בָּרוּךְ אַתָּה ה' הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב - גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער, דוּ בִּיסְט גוּט אוּן דוּ טוּסְט גוּטְס, **'וְעַל הָרָעָה'** אוּן אוֹיף שְׁלֶעכְטְס מַאכְט מֶען דִי בְּרָכָה: **'דַּיַּן אֱמֶת'**, בָּרוּךְ אַתָּה ה' דַּיַּן אֱמֶת - גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ בַּאשֶׁעפֶער וָואס דוּ טוּסְט אַלֶעס רִיכְטִיג אוּן אֱמֶת'דִיג, **'וּלֶעָתִיד'** אָבֶּער ווען דִי גְאוּלָה ווֶעט זַיין - **'כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב'**,

וֶועט מֶען נָאר מַאכְן דִי בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, שֶׁיִּהְיֶה שֵׁם הַשֵּׁם עֶס וֶועט זַיין דֶער שֵׁם הַוַיָ"ה וָואס וַוייזְט אוֹיף חֲסָדִים, וְשֵׁם אֱלֹקִים אוּן דֶער שֵׁם אֱלֹקִים וָואס וַוייזְט אוֹיף דִינִים –

**שֶׁיִּהְיֶה שֵׁם ה' וְשֵׁם אֱלֹקִים אַחְדוּת אֶחָד:**

**אַחְדוּת אֶחָד** אֵיינְס; עֶס וֶועט זַיין אַלֶעס אֵיינְס, אַלֶע וֶועלְן וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן גוּטְס אוּן שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז גוּט. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ מִיט דֶער וָואס לֶעבְט שׁוֹין יֶעצְט מִיט דִי מַחֲשָׁבָה, עֶר וַוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז גוּט, סַיי גוּטְס אוּן סַיי שְׁלֶעכְטְס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה; דֶער שְׁפִּירְט שׁוֹין יֶעצְט דָאס וָואס מֶען וֶועט שְׁפִּירְן אִין עוֹלָם הַבָּא.

**ב** **וְזֹאת** הַבְּחִינָה אִי־אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג, **אֶלָּא** כְּשֶׁמַּעֲלֶה בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה מֵהַגָּלוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם, כִּי עַכְשָׁו הַמַּלְכוּת וְהַמֶּמְשָׁלָה לְהָעַכּוּ"ם, וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָאִים עֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁלָּהֶם בְּשֵׁם אֱלֹהִים, כִּי יוֹנְקִים מִבְּחִינַת מַלְכוּת הַנִּקְרָא אֱלֹהִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים עד): "אֱלֹהִים מַלְכִּי מִקֶּדֶם".

ב.

**וְזֹאת** הַבְּחִינָה צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם; וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אִיז נָאר גוּט, **אִי אֶפְשָׁר** לְהַשִּׂיג צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען – **אֶלָּא** כְּשֶׁמַּעֲלֶה בְּחִינַת מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה נָאר אַז מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי מַלְכוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֵהַגָּלוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם וָואס אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן דִי פֶעלְקֶער. כִּי עַכְשָׁו ווייל יֶעצְט אִין גָלוּת, הַמַּלְכוּת וְהַמֶּמְשָׁלָה לְהָעַכּוּ"ם זֶעט זִיךְ אוֹיס וִוי דִי פֶעלְקֶער פִירְן אַלֶעס אוּן מַאכְן אַלֶעס, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶוען עֶפֶּעס פַּאסִירְט זָאגְט מֶען אַז דָאס הָאט צוּטוּן מִיט דִי פִירֶער פוּן דִי לֶענְדֶער, מֶען גֶעבְּט דִי מַלְכוּת פַאר זֵיי, אוּן דָאס אַלֵיין אִיז דֶער גָלוּת, אַז מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן וִויבַּאלְד מֶען גֶעבְּט זֵיי דִי מַלְכוּת, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי זֵיי פִירְן אַלֶעס – **נִקְרָאִים עֲבוֹדַת אֱלִילִים שֶׁלָּהֶם** וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, **בְּשֵׁם אֱלֹהִים** מִיטְן נָאמֶען 'אֱלֹהִים', **כִּי יוֹנְקִים** ווייל זֵיי צִיעֶן זֵייעֶר כֹּחַ, צוּ וֶוערְן אַנֶערְקֶענְט אַלְץ קֶענִיגְרַייךְ, **מִבְּחִינַת מַלְכוּת הַנִּקְרָא אֱלֹקִים** פוּן דִי מַלְכוּת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אֱלֹקִים; מֶענְטְשְׁן מַאכְן זֵיי פַאר אַן אָפְּגָאט, מֶען גֶעבְּט זֵיי דִי מֶמְשָׁלָה, מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז זֵיי מַאכְן, זֵיי טוּעֶן אוּן זֵיי פִירְן. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז מַלְכוּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אֱלֹקִים, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים עד, יב): **'אֱלֹקִים'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **'מַלְכִּי'** אִיז מַיין קֶענִיג, **'מִקֶּדֶם'** פוּן אֵייבִּיג.

**כָּל** זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט אַז דִי מַלְכוּת אוּן דָאס פִירֶערְשַׁאפְט לִיגְט אִין דִי

וּכְשֶׁמַּעֲלִין בְּחִינַת מַלְכוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם, אֲזַי נִתְקַיֵּם (שָׁם מז): "כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹהִים":

ג וְאִי אֶפְשָׁר לְהָשִׁיב הַמְּלוּכָה לְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא אֶלָּא עַל־יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם, עַל־יְדֵי־זֶה מְתַקֵּן וּמַעֲלֶה בְּחִינַת מַלְכוּת לְשָׁרְשָׁהּ.

הענט פון די פעלקער, איז ביי אים דא א חילוק פון גוטס און שלעכטס, **וּכְשֶׁמַּעֲלִין בְּחִינַת מַלְכוּת מִבֵּין הָעַכּוּ"ם** און ווען דער מענטש נעמט ארויס די מלכות פון די גוים, ער ווייסט אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט און אלעס איז ער, **אֲזַי נִתְקַיֵּם** ווערט מקוים וואס שטייט אין פסוק (שם מז, ח): 'כִּי מֶלֶךְ כָּל הָאָרֶץ אֱלֹקִים' דער אייבערשטער איז קעניג אויף די גאנצע וועלט, מען ווייסט אז וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט.

**דער** הייליגער רבי לערנט אונז א וועג אז אפילו מיר פשוט'ע מענטשן זאלן אויך זוכה זיין צו די מדריגה וואס צדיקים לעבן דערמיט, נישט וויסן קיין אונטערשייד צווישן גוטס און שלעכטס, דורכדעם וואס מען נעמט ארויס די מלכות פון די גוים און מען קערט איר צוריק צום אייבערשטן; מען אנערקענט אז די נייעס וואס פאסירט און אזוי אויך יעדע זאך אין דער וועלט, אלעס קומט פונעם אייבערשטן.

ג.

**וידוי דברים**

**יעצט** גייט דער רבי זאגן ווי אזוי מען קען זוכה זיין צו אויפהייבן די מלכות צום אייבערשטן. **וְאִי אֶפְשָׁר לְהָשִׁיב הַמְּלוּכָה** מען קען נישט צוריק געבן די מלוכה **לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** פארן אייבערשטן - **אֶלָּא עַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים** נאר אויב מען דערציילט אלע זינד וואס מען האט געזינדיגט - **לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם** פארן צדיק. ווייל ווען א מענטש זינדיגט איז דאס נאר ווייל ער לאזט אפ דעם אייבערשטן, ער מיינט אז דער אייבערשטער איז נישט מיט אים און דער אייבערשטער זעט נישט וואס ער טוט. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (קידושין לא.): 'כָּל הָעוֹבֵר עֲבֵירָה בַּסֵּתֶר' ווער עס טוט אן עבירה באהאלטענערהייט - 'כְּאִילּוּ דּוֹחֵק רַגְלֵי שְׁכִינָה' איז אזוי ווי ער שטופט אוועק דעם אייבערשטן, ווי דער רבי רופט עס אן - יְרִידַת הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה בֵּין הָעַכּוּ"ם; אויב אבער וואלט דער מענטש געוואוסט אז דער אייבערשטער געפינט זיך נעבן אים און זעט אלעס וואס ער טוט - וואלט ער נישט געזינדיגט, און ווען מען גייט צום צדיק, מען איז זיך מתודה פארן צדיק, **עַל יְדֵי זֶה** דורך דעם - **מְתַקֵּן וּמַעֲלֶה** פארריכט ער און ער ברענגט צוריק, **בְּחִינַת מַלְכוּת לְשָׁרְשָׁהּ** די מלכות צום אייבערשטן; ווייל ווען מען איז זיך מתודה פארן צדיק פאלט אויפן מענטש א שפלות, מען הויבט אן שפירן 'דער אייבערשטער איז דא, דער אייבערשטער פירט די גאנצע וועלט', מען אנערקענט אז די מלכות געהערט צום אייבערשטן.

**וְזֶהוּ** פֵּרוּשׁ (הוֹשֵׁעַ יד): "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים", זֶהוּ וִדּוּי דְּבָרִים, זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ: 'דַּבָּר אֶחָד לְדוֹר' (סַנְהֶדְרִין ח.), 'דַּבָּר', לְשׁוֹן מַנְהִיג וּמוֹשֵׁל. "וְשׁוּבוּ אֶל ה'", שֶׁיְּתַקְּנוּ וְיַעֲלוּ אֶת הַדְּבָרִים, אֶת בְּחִינַת מַלְכוּת, בְּחִינַת אֱלֹהִים אֶל ה', הַיְנוּ כַּנַּ"ל: "בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר", הַיְנוּ שֶׁיֵּדַע, שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו כֻּלָּם לְטוֹבָתוֹ, וִיבָרֵךְ עַל כָּל הַדְּבָרִים הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב:

**ד** וּכְשֶׁיֵּדַע כָּל זֹאת נִקְרָא יְדִיעָה שְׁלֵמָה, כִּי עִקַּר

**דער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דוּרְךְ וִדּוּי דְּבָרִים קֶערְט מֶען צוּרִיק דִי מְלוּכָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וְזֶהוּ פֵּרוּשׁ** דָאס אִיז דִי אָפְּטַייטְשׁ וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יד, ג): **'קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים'** נֶעמְט מִיט אַייךְ רֵייד, זֶהוּ וִדּוּי דְּבָרִים דָאס מֵיינְט מֶען - זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, אוֹיךְ טוּט דִי וָוארְט דְּבָרִים טַייטְשְׁן - זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת פִירֶערְשַׁאפְט, כְּמוֹ אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (סַנְהֶדְרִין ח.): **'דַּבָּר אֶחָד** לְדוֹר' אֵיין פִירֶער דַארְף זַיין פַארְן דוֹר, 'דַּבָּר', לְשׁוֹן מַנְהִיג וּמוֹשֵׁל דָאס וָוארְט דַּבָּר אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן פִירֶערְשַׁאפְט; דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: 'קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים' זַייט אַייךְ מִתְוַדֶּה פַארְן מַנְהִיג, דָאס אִיז דֶער צַדִּיק, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען צוּרִיק גֶעבְּן דִי מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק: **'וְשׁוּבוּ אֶל ה'**', דָאס הֵייסְט שֶׁיְּתַקְּנוּ וְיַעֲלוּ אֶת הַדְּבָרִים עֶס וֶועט פַארְרָאכְטְן וֶוערְן אֶת בְּחִינַת מַלְכוּת, דִי מַלְכוּת - וָואס וֶוערְט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיטְן לָשׁוֹן דְּבָרִים, וְשׁוּבוּ אֶל ה' - וֶועט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ ווִיסְן אַז אוֹיךְ דִי שְׁלֶעכְטְס אִיז גוּט, **בְּחִינַת אֱלֹקִים, אֶל הֲוַיָ"ה**, אַז אוֹיךְ דָאס וָואס זֶעט אוֹיס דִינִים - שֵׁם אֱלֹקִים - זָאל וֶוערְן שֵׁם הֲוַיָ"ה, מֶען וֶועט אָנֶערְקֶענֶען אַז דָאס אִיז אוֹיךְ רַחְמָנוּת. [דָאס אִיז אוֹיךְ מְרוּמָז אִין פָּסוּק, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַכּוֹת יא.) 'דִיבּוּר לָשׁוֹן קָשֶׁה', דְּבָרִים אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן דִינִים אוּן דוּרְךְ וִדּוּי דְּבָרִים נֶעמְט מֶען דִי שְׁוֶועריקֵייטְן 'דְּבָרִים' אוּן - 'וְשׁוּבוּ אֶל הֲוַיָ"ה' עֶס וֶוערְט אוֹיךְ גוּט], **הַיְנוּ כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז **'בַּהֲוַיָ"ה אֲהַלֵּל דָּבָר'** וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ מִיט מִיר מִיט מִדַּת הָרַחֲמִים - לוֹיבּ אִיךְ אִים, **'בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר'** אוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ מִיט מִיר מִיט מִדַּת הַדִין - לוֹיבּ אִיךְ אִים אוֹיךְ, **הַיְנוּ שֶׁיֵּדַע שֶׁכָּל מְאֹרְעוֹתָיו כֻּלָּם לְטוֹבָתוֹ** אִיךְ ווֵייס אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט מִיר אִיז פַאר מַיין גוּטְס, **וִיבָרֵךְ עַל כָּל הַדְּבָרִים** אוּן אִיךְ טוּ לוֹיבְּן אוֹיף אַלֶעס - **הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב** דִי בְּרָכָה הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, צוּם גוּטְן.

### ד.

### וָואס מֵיינְט דַעַת?

**וּכְשֶׁיֵּדַע כָּל זֹאת** אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט דָאס, אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין

טוֹבָה – **נִקְרָא** יְדִיעָה שְׁלֵמָה דָאס אִיז דִי סְפִירָה פוּן 'דַעַת'. וַוייל עֶס אִיז דָא צֶען סְפִירוֹת: כֶּתֶר, חָכְמָה, בִּינָה, חֶסֶד, גְבוּרָה, תִּפְאֶרֶת, נֶצַח, הוֹד, יְסוֹד, מַלְכוּת; אָבֶּער דַעַת אִיז נִישְׁט קַיין סְפִירָה, **כִּי עִקַּר הַדַּעַת הוּא אַחְדוּת שֶׁל חֶסֶד וּגְבוּרָה** נָאר אַז מֶען שְׁטֶעלְט אִינְאֵיינֶעם דִי צְוֵויי סְפִירוֹת 'חֶסֶד' אוּן 'גְבוּרָה', וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז סַיי גוּטְס אוּן סַיי שְׁלֶעכְטְס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – **זֶה נִקְרָא דַעַת** דָאס אִיז דִי סְפִירָה פוּן דַעַת; **הַיְנוּ** דָאס אִיז, **שֶׁלֹּא יַחֲלֵק** זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין חִילוּק, **בֵּין חֶסֶד** וֶוען עֶס גֵייט גוּט, **לְדִין** אוּן וֶוען עֶס אִיז שְׁלֶעכְט, **וִיבָרֵךְ עַל כֻּלָּם** שְׁטֶענְדִיג זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע לוֹיבּ פוּן 'הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן מַאכְט גוּט פַאר אַלֶעמֶען.

**וְזֶה נִקְרָא** אוּן דַעַת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֶחָד' – אֵיינְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אַז לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועט זַיין (זְכַרְיָ' יד, ט): **'ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אֵיינֶער אוּן זַיין נָאמֶען וֶועט זַיין אֵיינְס, **כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים נ.) **שֶׁלֶּעָתִיד** וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, **יִהְיֶה** וֶועט זַיין, **אַחְדוּת גָּמוּר** אִינְגַאנְצְן אֵיינְס, **שֶׁיִּהְיֶה כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב**

**הַדַּעַת הוּא אַחְדוּת שֶׁל חֶסֶד וּגְבוּרָה, זֶה נִקְרָא דַּעַת, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יַחֲלֵק בֵּין חֶסֶד לְדִין, וִיבָרֵךְ עַל כֻּלָּם "הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב". וְזֶה נִקְרָא: "ה' אֶחָד וּשְׁמוֹ אֶחָד" כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, שֶׁלֶּעָתִיד יִהְיֶה אַחְדוּת גָּמוּר, שֶׁיִּהְיֶה כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.**

**וְזֶה "ה' אֶחָד, וּשְׁמוֹ", זֶה בְּחִינַת אֱלֹהִים מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שְׁמוּאֵל־ב ח): **"וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם".**

**אֶחָד גִּימַטְרִיָּא אַהֲבָה, הַיְנוּ הֵן**

מֶען וֶועט אוֹיף אַלֶעס זָאגְן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, מֶען וֶועט וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט – אִיז נָאר גוּט.

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק אַלֵיין. **וְזֶה** אוּן דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן 'הַוָיָ"ה' שֵׁם הַוָיָ"ה וָואס וַוייזְט אוֹיף רַחֲמִים, **'אֶחָד'** אִיז אֵיינְס, וֶוען עֶס גֵייט דִיר גוּט זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן 'אֶחָד יָחִיד וּמְיֻחָד', פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **'וּשְׁמוֹ'** דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דִי וָוארְט 'שְׁמוֹ' – וֶוען עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט גוּט, **זֶה בְּחִינַת אֱלֹקִים מַלְכוּת** וֶוען עֶס אִיז דָא דִינִים, אִיז דָאס אוֹיךְ אֶחָד, פוּנֶעם אֶחָד יָחִיד וּמְיֻחָד, פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דִי וָוארְט שְׁמוֹ אִיז שֵׁם אֱלֹקִים אוּן אוֹיךְ 'מַלְכוּת', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוּאֵל ב ח, יג): **'וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם'** דָוִד הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נָאמֶען, אוּן עֶס שְׁטֵייט דָארְט אַז דָוִד אִיז גֶעוָוארְן קֶענִיג, אוּן מַלְכוּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אֱלֹקִים, אַזוֹי וִוי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט 'וֵאלֹקִים מַלְכִּי' (אוֹת ב').

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ**

**אֶחָד** דָאס וָוארְט אֶחָד, **גִּימַטְרִיָּא אַהֲבָה** בַּאטְרֶעפְט דְרַייצְן, אַזוֹי וִוי דָאס וָוארְט אַהֲבָה. דֶער רֶבִּי גֵייט נָאךְ וַוייטֶער

**"ה'" שֶׁהוּא רַחֲמִים, הֵן "שְׁמוֹ" שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱלֹהִים, בְּחִינַת דִּין — כֻּלָּם לְטוֹבָתְךָ, מֵחֲמַת אַהֲבָה שֶׁהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא אוֹהֵב אוֹתְךָ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי ג): "אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ", וּכְתִיב (עָמוֹס ג): "רַק אֶתְכֶם יָדַעְתִּי מִכֹּל מִשְׁפְּחוֹת הָאֲדָמָה, עַל כֵּן אֶפְקֹד עֲלֵיכֶם עֲווֹנוֹתֵיכֶם":**

פוּן פְּרִיעֶה, אַז נִישְׁט נָאר מֶען דַארְף טְרַאכְטְן אַז סַיי דָאס גוּטְס אוּן סַיי דָאס שְׁלֶעכְטְס - אִיז פַאר דִי גוּטְס פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאךְ מֶער פוּן דֶעם, מֶען דַארְף וויסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ - אִיז פוּן גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיבּ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל אוּנְז גְרוֹיס מַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן צוּלִיבּ דֶעם בְּרֶענְגְט עֶר דִי יְסוּרִים, וַוייל דוּרְךְ דִי יְסוּרִים וֶוערְט אוֹיסְגֶעמֶעקְט אַלֶע זִינְד אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עוֹלָם הַבָּא, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִדּוּשִׁין מ:) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט יְסוּרִים אוֹיף צַדִּיקִים כְּדֵי זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא, נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (מְנָחוֹת נג:) פַארְוָואס זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיילְבִּירְטְן? וַוייל אַזוֹי ווִי אֵיילְבִּירְטְן גֶעבְּן אַרוֹיס אוֹיל נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען צֶעדְרוּקְט זֵיי, אַזוֹי אוֹיךְ דִי אִידְן קֶערְן זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר דוּרְךְ יְסוּרִים.

**הַיְינוּ** דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן פָּסוּק (זְכַרְיָ' יד, ט): "**בַּיּוֹם הַהוּא יִהְיֶה, הֲוַיָ"ה אֶחָד, וּשְׁמוֹ אֶחָד**", **הֵן 'הֲוַיָ"ה' שֶׁהוּא רַחֲמִים** סַיי וֶוען עֶס אִיז שֵׁם הֲוַיָ"ה וָואס אִיז רַחֲמִים, **הֵן 'שְׁמוֹ'** אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז שְׁמוֹ **שֶׁהוּא בְּחִינַת אֱלֹקִים** וָואס דָאס אִיז שֵׁם אֱלֹקִים, **בְּחִינַת דִּין** וָואס אִיז דִינִים - **כֻּלָּם לְטוֹבָתְךָ** אַלֶעס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, **מֵחֲמַת אַהֲבָה** פוּן גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט, **שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - **אוֹהֵב אוֹתְךָ** הָאט דִיךְ לִיבּ. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, מֶען הָאט יְסוּרִים, מֶען הָאט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וְכוּ' - דַארְף מֶען וויסְן אַז דָאס אַלֶעס אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ דֶעם מֶענְטְשׁ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ג, יב): **'אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ'** דֶער וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ - טוּט עֶר שְׁטְרָאפְן, **וּכְתִיב** אוּן אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (עָמוֹס ג, ב): **'רַק אֶתְכֶם יָדַעְתִּי'** נָאר עֶנְק הָאבּ אִיךְ לִיבּ גֶעהַאט, **'מִכֹּל מִשְׁפְּחוֹת הָאֲדָמָה'** מֶער פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן דִי עֶרְד, **'עַל כֵּן אֶפְקוֹד עֲלֵיכֶם'** וֶועגְן דֶעם וֶועל אִיךְ גֶעדֶענְקֶען עֶנְק צוּ שְׁטְרָאפְן, **'עֲווֹנוֹתֵיכֶם'** אוֹיף אַלֶע עֶנְקֶערֶע זִינְד, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק אָפְּקוּמֶען אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא; וַוייל וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים - אִיז דָאס נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וויל מֶען זָאל אָפְּקוּמֶען מִיט דֶעם אַלֶע זִינְד אוּן מֶען זָאל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ אִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא, ב): 'צָרִיךְ הָאָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ

בָּרוּךְ הוּא׳ אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, ׳בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִים עָלָיו׳ וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער צַעַר און וֵוייטָאג, ׳כִּי הַיִּסּוּרִים מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא׳ וַוייל דִי צַעַר און וֵוייטָאג דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (פְּסָחִים קיח.) אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קלו, א): ׳הוֹדוּ לַה׳ כִּי טוֹב׳, לוֹיבְּט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר איז גוּט, ׳הוֹדוּ לַה׳ שֶׁגּוֹבֶה חוֹבָתוֹ שֶׁל אָדָם בְּטוֹבָתוֹ׳ לוֹיבְּט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר שְׁטְרָאפְט דֶעם מֶענְטְשׁ נָאר פַּאר זַיין גוּטְס, ׳עָשִׁיר בְּשׁוֹרוֹ׳ דֶעם עוֹשֶׁר שְׁטְרָאפְט עֶר דוּרְכְן אַוֶועקְנֶעמֶען זַיין אָקְס, ׳וְאֵת עָנִי בְּשֵׂיוֹ׳ דֶעם אָרֶעמַאן שְׁטְרָאפְט עֶר דוּרְכְן אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן אִים זַיין צִיגֶעלֶע, ׳יָתוֹם בְּבֵיצָתוֹ׳ דֶעם יָתוֹם שְׁטְרָאפְט עֶר מִיטְן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אִים זַיין אֵיי, ׳אַלְמָנָה בְּתַרְנְגוֹלְתָּהּ׳ און דִי אַלְמָנָה שְׁטְרָאפְט עֶר מִיטְן אַוֶועק נֶעמֶען איר הִינְדְל; מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁטְרָאף וָואס עֶר בְּרֶענְגְט, וַוייל אַזוֹי קוּמְט מֶען אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת און מֶען איז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר בְּעוֹלָם הַבָּא.

**ה וַעֲווֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם הֵם עַל עַצְמוֹתָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְחֶזְקֵאל לב): "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם".**

**וְכָל עֲבֵרָה יֵשׁ לָהּ צֵרוּף אוֹתִיּוֹת, וּכְשֶׁעָבַר אֵיזֶה עֲבֵרָה, אֲזַי נֶחְקָק צֵרוּף רַע עַל עַצְמוֹתָיו.**

### ה.

### אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער

**יֶעצְט** וֶועט דֶער רֶבִּי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מֶען דַארְף זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, און אוֹיךְ פַארְוָואס מֶען דַארְף דָאס טוּן פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם. **וַעֲווֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט – **הֵם עַל עַצְמוֹתָיו** גֵייט דִי עֲבֵירָה אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לב, כז): ׳וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם׳ זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת וֶועלְן זַיין, ׳חֲקוּקָה׳ אַיינְגֶעקְרִיצְט – ׳עַל עַצְמוֹתָם׳ אוֹיף זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער; דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ איז דֶער עִיקָּר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי בֵּיינֶער איז דִי חָכְמָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, און אַז מֶען זִינְדִיגְט – וֶוערְן אַלֶע בֵּיינֶער חָרוּב, דִי גַאנְצֶע מֶענְטְשׁ וֶוערְט קַאלְיֶע.

**וְכָל עֲבֵרָה יֵשׁ לָהּ צֵרוּף אוֹתִיּוֹת** יֶעדֶע עֲבֵירָה הָאט אוֹתִיּוֹת, דִי אוֹתִיּוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט טוּן, **וּכְשֶׁעָבַר אֵיזֶה עֲבֵרָה** און וֶוען מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם – **אֲזַי נֶחְקָק** וֶוערְט אַיינְגֶעקְרִיצְט, **צֵרוּף רַע עַל עַצְמוֹתָיו** אַ שְׁלֶעכְטֶע צַאמְשְׁטֶעל פוּן דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי עֲבֵירָה – אוֹיף דִי בֵּיינֶער, דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה וֶוערְט פַארְדְרֵייט דִי אוֹתִיּוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (לִקּוּטֵי תּוֹרָה, סוֹף פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים) שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן ׳אוֹב׳, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט בַּיי דִי טוּמְאָה פוּן ׳אוֹב׳ (שְׁמוּאֵל א כח, ז-יט), אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֲבֵירָה פוּן ׳נוֹב׳, עֶר הָאט אוֹיסְגֶע׳הַרְג׳עֶט דִי

שְׁטָאט 'נוֹב', דִי שְׁטָאט פוּן דִי כֹּהֲנִים (שָׁם כב, ו-כג); דוּרְכְדֶעם אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער 'אוֹב' אוּן 'נוֹב' אַ שְׁלֶעכְטֶע צֵרוּף, עֶס אִיז גֶעוָוארְן 'אָב וּבְנוֹ'; דֶער טַאטֶע מִיט דֶער זוּן דָאס אִיז שָׁאוּל אוּן יוֹנָתָן, דִי צְוֵויי - זֶענֶען גֶע'הַרְג'עט גֶעוָוארְן אִין דִי מִלְחָמָה (שָׁם לא, ב-ה). אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער צַדִּיק רֶבִּי חַיִּים וִיטַל אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי דֶער אֲרִיזַ"ל - אַז זַיין אַקְסְל טוּט אִים וֵויי, הָאט אִים דֶער אֲרִיזַ"ל גֶעזָאגְט (שַׁעַר הַמִּצְווֹת, פָּרָשַׁת עֵקֶב): דָאס קוּמְט וַוייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעדְט צְוִוישְׁן מַיִם אַחֲרוֹנִים אוּן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת מב.): 'תֵּכֶף לִנְטִילָה' גְלַייךְ נָאכְן זִיךְ וַואשְׁן מַיִם אַחֲרוֹנִים - 'בְּרָכָה' דַארְף מֶען בֶּענְטְשְׁן, מֶען טָאר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין, אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי וָוארְט 'תֵּכֶף' אַ שְׁלֶעכְטֶע צֵרוּף, עֶס אִיז גֶעוָוארְן פוּן דִי אוֹתִיּוֹת 'תֵּכֶף' דָאס וָוארְט 'כָּתֵף' - דָאס מֵיינְט דִי אַקְסְל, אוּן דֶערִיבֶּער טוּט אִים דָאס וֵויי.

**וְעַל־יְדֵי־זֶה מַכְנִים בְּחִינַת הַדִּבּוּר שֶׁל הַלָּאו הַזֶּה שֶׁעָבַר בְּתוֹךְ הַטֻּמְאָה, הַיְנוּ שֶׁמַּכְנִים בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת 'דַּבָּר אֶחָד לְדוֹר', הוּא מַכְנִים אוֹתָהּ בְּתוֹךְ הָעַכּוּ"ם, וְנוֹתֵן לָהֶם מֶמְשָׁלָה.**

**לְמָשָׁל, אִם עָבַר עַל דִּבּוּר שֶׁל הַלָּאו "לֹא יִהְיֶה לְךָ", אֲזַי מַחֲרִיב הַצֵּרוּף הַטּוֹב שֶׁל הַדִּבּוּר, וּבוֹנֶה צֵרוּף רַע, וְנֶחְקָק**

**וְעַל יְדֵי זֶה מַכְנִים** אוּן דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה וָואס מֶען טוּט - בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין **בְּחִינַת הַדִּבּוּר שֶׁל הַלָּאו הַזֶּה שֶׁעָבַר** דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם לָאו וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - **בְּתוֹךְ הַטֻּמְאָה** אִין דִי טוּמְאָה, **הַיְנוּ** דָאס הֵייסְט, **שֶׁמַּכְנִים** עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין, **בְּחִינַת מַלְכוּת** דָאס קֶענִיגְרַייךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס זָאגְט אוּנְז וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, **שֶׁהוּא בְּחִינַת 'דַּבָּר אֶחָד לְדוֹר'** דַּבָּר הָאט צְוֵויי טַייטְשְׁן, עֶס מֵיינְט אַ פִירֶער, אוֹיךְ אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן פוּן רֶעדְן, **הוּא מַכְנִים אוֹתָהּ בְּתוֹךְ הָעַכּוּ"ם, וְנוֹתֵן לָהֶם מֶמְשָׁלָה** עֶר גֶעבְּט זֵיי דִי כֹּחַ, אוּן עֶס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי קְדוּשָּׁה; וָואלְט וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט נָאר גֶעטְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וָואלְט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַזַא זִיסְקֵייט - אַז עֶס וָואלְט אוֹיף אִים גֶעשַׁיינְט דִי זִיסֶע אַיינְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אָבֶּער אַז מֶען טוּט עֲבֵירוֹת - נֶעמְט מֶען דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן מֶען טְרָאגְט עֶס צוּ דִי טוּמְאָה.

### דִי עֲבֵירוֹת זֶענֶען זִיךְ נוֹקֵם

**לְמָשָׁל** צוּם בֵּיישְׁפִּיל, **אִם עָבַר** אוֹיבּ עֶר הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען, **עַל דִּבּוּר** אוֹיף דִי וֶוערְטֶער, **שֶׁל הַלָּאו** פוּן דִי לָאו (שְׁמוֹת כ, ג): **'לֹא יִהְיֶה לְךָ'**, מֶען זָאל נִישְׁט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה - **אֲזַי מַחֲרִיב הַצֵּרוּף הַטּוֹב שֶׁל הַדִּבּוּר** מַאכְט עֶר חָרוּב דִי גוּטֶע צַאמְשְׁטֶעל פוּן דִי אוֹתִיּוֹת, **וּבוֹנֶה צֵרוּף רַע** אוּן בּוֹיט אַ שְׁלֶעכְטֶע צַאמְשְׁטֶעל, **וְנֶחְקָק**

הַצֵּרוּף הַזֶּה עַל עַצְמוֹתָיו, וְנוֹקֵם בּוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָהוּ ה): "עֲוֹנוֹתֵיכֶם הִטּוּ אֵלֶּה", וּכְתִיב (תְּהִלִּים לד): "תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה".

**וְעַל**-יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים יוֹצֵא מֵעַצְמוֹתָיו הָאוֹתִיּוֹת הַחֲקוּקִים עֲלֵיהֶם, וְנַעֲשֶׂה מֵהֶם הַדִּבּוּר שֶׁל הַוִּדּוּי, כִּי הַדִּבּוּר יוֹצֵא מֵעַצְמוֹתָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם לה): "כָּל עַצְמֹתַי תֹּאמַרְנָה", וּמַחֲרִיב הַבִּנְיָן וְהַצֵּרוּף הָרָע, וּבוֹנֶה מֵהֶם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה.

הַצֵּרוּף הַזֶּה עַל עַצְמוֹתָיו און די שְׁלֶעכְטֶע צאַמְשְׁטֶעל גייט אַריין אין די בֵּיינֶער, וְנוֹקֵם בּוֹ און דָאס בְּרֶענְגְט שְׁלֶעכְטְס אויף אִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ ה, כה): 'עֲוֹנוֹתֵיכֶם' עֶנְקֶערֶע זִינְד - 'הִטּוּ אֵלֶּה' הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת; די עֲבֵירָה אַלֵיין איז זיך נוֹקֵם אִינֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט נָאךְ אַ רְאָיָ' אַז די צָרוֹת קוּמֶען פוּן די עֲבֵירוֹת, וּכְתִיב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לד, כב): 'תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה' דָאס שְׁלֶעכְטְס וָואס דֶער רָשָׁע טוּט - דָאס טוּט אִים טוֹיטְן.

**וְעַל** יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים און דוּרכְדֶעם וָואס מֶען איז זיך מִתְוַדֶּה - **יוֹצֵא** מֵעַצְמוֹתָיו גייען אַרוֹיס פוּן די בֵּיינֶער - הָאוֹתִיּוֹת הַחֲקוּקִים עֲלֵיהֶם די אוֹתִיּוֹת וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעקְרִיצְט אין זיי, וְנַעֲשֶׂה מֵהֶם און פוּן די אוֹתִיּוֹת וֶוערְט - הַדִּבּוּר שֶׁל הַוִּדּוּי די וֶוערְטֶער וָואס מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז מוֹחֵל אויף אַלֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים פֶּרֶק ח, אוֹת ג): 'מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם' ווען מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן די זִינְד און מֶען הָאט חֲרָטָה אויף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן - 'מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם' איז זיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל און עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אויף זיי, כִּי הַדִּבּוּר **יוֹצֵא** מֵעַצְמוֹתָיו ווייל די שְׁלֶעכְטֶע צאַמְשְׁטֶעל פוּן די אוֹתִיּוֹת, פוּן דֶעם לַאו - גייט אַרוֹיס פוּן די בֵּיינֶער, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לה, י): 'כָּל עַצְמֹתַי תֹּאמַרְנָה' אַלֶע מַיינֶע בֵּיינֶער טוּעֶן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; די בֵּיינֶער אַלֵיין לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז די שְׁלֶעכְטְס איז פוּן זיי אַרוֹיס, וּמַחֲרִיב הַבִּנְיָן וְהַצֵּרוּף הָרָע און עֶס צֶעפַאלְט די שְׁלֶעכְטְס, וּבוֹנֶה מֵהֶם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה און מֶען קֶערְט צוּרִיק די מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס הֵייסְט מֶען ווערְט צוּרִיק נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דוּרכְדֶעם** וָואס מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת און שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - איז מֶען זוֹכֶה צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא. אַזוֹי ווי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים, נא): 'מִי גָּרַם לְדָוִד שֶׁבָּא לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא', וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא? 'פִּיו שֶׁאָמַר חָטָאתִי', זַיין מוֹיל וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דָאס וָוארְט 'חָטָאתִי' אִיךְ

הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט; וַוייל דוּרְךְ וִדּוּי דְּבָרִים גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס הֶעלְפְט אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע מָאל זָאל מֶען דָאס מֶער נִישְׁט טוּן.

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ** חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אוּן דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ז:): 'בְּשָׁעָה שֶׁהָלְכוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר' וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין מִדְבָּר, 'הָיוּ עַצְמוֹתָיו שֶׁל יְהוּדָה מְגֻלְגָּלִין' הָאבְּן זִיךְ דִי בֵּיינֶער פוּן יְהוּדָה גֶעטְרֵייסְלְט, 'עַד שֶׁאָמַר מֹשֶׁה' בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן (דְּבָרִים לג, ז): 'שְׁמַע ה' קוֹל יְהוּדָה' הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶער צוּ דִי קוֹל פוּן יְהוּדָה; 'שֶׁבִּקֵּשׁ מֹשֶׁה מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - 'שֶׁיִּזָּכֵר לִיהוּדָה הַוִּדּוּי שֶׁהִתְוַדָּה' עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען וָואס יְהוּדָה הָאט גֶעטוּן, אַז עֶר הָאט זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען, וֶוען עֶר הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען (בְּרֵאשִׁית לח, כו): 'צָדְקָה מִמֶּנִּי', תָּמָר אִיז גֶערֶעכְט, 'וְכֵן הֲוֵי לֵיהּ' אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶענוּמֶען דִי וִדּוּי, אוּן זַיינֶע בֵּיינֶער זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין פְּלַאץ.

**וְזֶה דַּוְקָא** 'עַצְמוֹתָיו הָיוּ מְגֻלְגָּלִין' מִיט דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען, פַארְוָואס הָאבְּן זִיךְ דַּוְקָא דִי בֵּיינֶער פוּן יְהוּדָה גֶעטְרֵייסְלְט? עַל שֵׁם אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם' דִי עֲבֵירוֹת וֶועלְן זַיין 'חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם' אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער, וְעַל יְדֵי הַוִּדּוּי נִתְתַּקְּנוּ אוּן דוּרְךְ וִדּוּי דְּבָרִים זֶענֶען זֵיי פַארְרַאכְטְן גֶעוָוארְן, וְעָלוּ כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ אוּן אַלֶע זֶענֶען אַרַיין אִין זֵייעֶר פְּלַאץ, וַוייל דוּרְךְ וִדּוּי דְּבָרִים גֵייעֶן אַרוֹיס דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

**וִיהוּדָה** אוּן יְהוּדָה - זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן מֶלֶךְ, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תּוֹסֶפְתָּא בְּרָכוֹת ד, טז): 'מִפְּנֵי מַה זָכָה יְהוּדָה לַמַּלְכוּת' פַארְוָואס הָאט יְהוּדָה זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן קֶענִיג? 'מִפְּנֵי שֶׁהוֹדָה בְּתָמָר' וַוייל עֶר הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען בֵּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן תָּמָר, רֶמֶז דָאס וַוייזְט אוּנְז, שֶׁבְּחִינַת מַלְכוּת אַז דִי מַלְכוּת נִתְתַּקֵּן וֶוערְט פַארְרַאכְטְן - עַל יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים דוּרְךְ וִדּוּי דְּבָרִים, וְזֶה נַעֲשָׂה

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ** חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה ז:): 'בְּשָׁעָה שֶׁהָלְכוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר, הָיוּ עַצְמוֹתָיו שֶׁל יְהוּדָה מְגֻלְגָּלִין עַד שֶׁאָמַר מֹשֶׁה: "שְׁמַע ה' קוֹל יְהוּדָה", שֶׁבִּקֵּשׁ מֹשֶׁה מֵהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, שֶׁיִּזָּכֵר לִיהוּדָה הַוִּדּוּי שֶׁהִתְוַדָּה, וְכֵן הֲוֵי לֵיהּ'.

**וְזֶה דַּוְקָא** 'עַצְמוֹתָיו הָיוּ מְגֻלְגָּלִין', עַל־שֵׁם: "וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם", וְעַל־יְדֵי הַוִּדּוּי נִתְתַּקְּנוּ, וְעָלוּ כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ.

**וִיהוּדָה** זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת, רֶמֶז, שֶׁבְּחִינַת מַלְכוּת נִתְתַּקֵּן עַל־יְדֵי וִדּוּי דְּבָרִים, וְזֶה נַעֲשָׂה עַל־יְדֵי מֹשֶׁה, שֶׁזָּכַר מֹשֶׁה הַוִּדּוּי.

עַל יְדֵי מֹשֶׁה אוּן דָאס ווערט גֶעטוּן דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן, שֶׁזָּכַר מֹשֶׁה הַוִּדּוּי מֹשֶׁה הָאט דֶערְמַאנְט דִי וִדּוּי.

צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט מֶער נִישְׁט קֵיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט – אִיז גוּט.

**כִּי כֵּן צָרִיךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַוִּדּוּי לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם, וְכָל תַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ: 'מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ', וּבָזֶה שֶׁזָּכַר מֹשֶׁה הַוִּדּוּי, נַעֲשָׂה כְּאִלּוּ הִתְוַדָּה עַכְשָׁו לִפְנֵי מֹשֶׁה, וְעַל־יְדֵי־זֶה נִתְתַּקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת, וְנֶחֱרַב הַצֵּרוּף הָרָע שֶׁנֶּחְקַק עַל עַצְמוֹתָיו:**

**ו וְזֶה בְּחִינַת הַחְזָרַת הַמַּלְכוּת לְשָׁרְשָׁהּ, כִּי שֹׁרֶשׁ הַמַּלְכוּת הוּא אֵשׁ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (סַנְהֶדְרִין קא:)**: 'לָמָּה טָעָה נְבָט? שֶׁרָאָה שֶׁיָּצָא אֵשׁ מֵאַמָּתוֹ'.**

**דֶער צַדִּיק אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ**

**כִּי כֵן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה הַוִּדּוּי** ווַייל עֶס פֶעלְט זִיךְ אוֹיס דִי וִדּוּי זָאל זַיין – לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם פַארְן תַּלְמִיד חָכָם, וְכָל תַּלְמִיד חָכָם אוּן יֶעדֶער תַּלְמִיד חָכָם, **הוּא** בְּחִינַת מֹשֶׁה אִיז אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען אִין גְמָרָא, ווֶען אֵיינֶער זָאגְט אַ שֵׁיינֶע זַאךְ – זָאגְט מֶען אִים (שַׁבָּת קא.) 'מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ' מֹשֶׁה דוּ זָאגְסְט זֵייעֶר גוּט, וּבָזֶה שֶׁזָּכַר מֹשֶׁה הַוִּדּוּי אוּן מִיט דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דֶערְמַאנְט דִי וִדּוּי, נַעֲשָׂה אִיז גֶעוָוארְן, כְּאִלּוּ הִתְוַדָּה עַכְשָׁו לִפְנֵי מֹשֶׁה אַזוֹי ווִי יְהוּדָה ווָאלְט זִיךְ יֶעצְט מִתְוַדֶּה גֶעוֶועֶן פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְתַּקֵּן בְּחִינַת מַלְכוּת אוּן אַזוֹי אִיז פַארְרָאכְטְן גֶעוָוארְן דִי מַלְכוּת, וְנֶחֱרַב הַצֵּרוּף הָרָע אוּן עֶס אִיז אַרוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶס, שֶׁנֶּחְקַק עַל עַצְמוֹתָיו וָואס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין דִי בֵּיינֶער; ווַייל ווֶען מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי עֲבֵירוֹת אוּן מֶען שֶׁעמְט זִיךְ פוּן אִים – דוּרְכְדֶעם ווֶערְט מֶען בָּטֵל

ו.

**וְזֶה** אוּן דוּרְךְ זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, בְּחִינַת הַחְזָרַת הַמַּלְכוּת לְשָׁרְשָׁהּ קֶערְט מֶען צוּרִיק דִי מַלְכוּת פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּי שֹׁרֶשׁ הַמַּלְכוּת הוּא **אֵשׁ** ווַייל מַלְכוּת אִיז פֵייעֶר, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קא:) 'לָמָּה טָעָה נְבָט' וָואס הָאט גֶעמַאכְט נְבָט זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז עֶר אִיז קֶענִיג? **'שֶׁרָאָה שֶׁיָּצָא אֵשׁ מֵאַמָּתוֹ'** ווֶען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי פֵייעֶר קוּמְט אַרוֹיס פוּן אִים הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז מִיט דֶעם ווַייזְט מֶען אִים אַז עֶר אִיז קֶענִיג, אוּן אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן – דוּרְכְדֶעם קֶערְט מֶען צוּרִיק דִי מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין אַז 'אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלַל' אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן 'בְּכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם' נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים, אוּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטֵייט דָאךְ (דְּבָרִים ד, כד):

'כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ, אֵשׁ אֹכְלָה הוּא', דער אייבערשטער איז א ברענעדיגע פייער; מען הויבט אן ברענען צום אייבערשטן מיט א שטארקע פייער.

**וְהַתּוֹרָה** נִקְרֵאת **אֵשׁ**, שֶׁמִּשָּׁם הַמַּלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָהוּ כ"ג): "**הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ**", וּכְתִיב (מִשְׁלֵי ח): "**בִּי מְלָכִים יִמְלֹכוּ**". וְעִקַּר הַתּוֹרָה הֵם הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מַכּוֹת כב:): '**כַּמָּה טִפְּשָׁאֵי דְּקַיְמָא מִקַּמֵּי סֵפֶר־תּוֹרָה, וְלָא קַיְמָא מִקַּמֵּי צוּרְבָא מִדְּרַבָּנָן**'.

**וְזֶהוּ** (בְּמִדְבַּר ל"א): "**כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ** — **תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ**". '**דָּבָר**' זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁנִּמְשָׁךְ בְּתוֹךְ הַטֻּמְאָה בְּתוֹךְ חֲמִימוּת הַיֵּצֶר, כְּמוֹ (קִדּוּשִׁין פא.): '**נוֹרָא בֵּי עַמְרָם**'.

**יֶעצְט** ברענגט דער רבי א ראיה אז דער תלמיד חכם ווערט אויך אנגערופן פייער. **וְהַתּוֹרָה נִקְרֵאת אֵשׁ** די תורה ווערט אנגערופן פייער, שֶׁמִּשָּׁם הַמַּלְכוּת און פון די תורה קומט מען צו מלכות, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יִרְמְיָהוּ כג, כט): '**הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ**' מיינע רייד זענען אזוי ווי פייער, וּכְתִיב און נאך שטייט אין פסוק (מִשְׁלֵי ח, טו): '**בִּי מְלָכִים יִמְלֹכוּ**' דורך מיר קעניגן די מלכים, דורך לערנען די הייליגע תורה איז מען זוכה צו מלכות, **וְעִקַּר הַתּוֹרָה הֵם הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים** און די עיקר תורה זענען די תלמידי חכמים, וואס זיי דרש'ענען די תורה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מַכּוֹת כב:): '**כַּמָּה טִפְּשָׁאֵי**' ווי נאריש זענען מענטשן, '**דְּקַיְמָא מִקַּמֵּי סֵפֶר תּוֹרָה**' וואס שטעלן זיך אויף און געבן כבוד ווען מען טראגט א ספר תורה, '**וְלָא קַיְמָא**' און שטעלן זיך נישט אויף, און געבן נישט די כבוד – '**מִקַּמֵּי צוּרְבָא מִדְּרַבָּנָן**' ווען א תלמיד חכם גייט אריבער; די תלמידי חכמים – זיי זענען די תורה, און אז מען געבט כבוד פאר די תורה – דארף מען אודאי געבן כבוד פאר די וואס דרש'ענען די תורה; זעען מיר א ראיה אז תלמידי חכמים און מלכות-ווערן אנגערופן פייער.

**ברענען צום אייבערשטן**

**וְזֶהוּ** און דאס איז וואס שטייט אין פסוק (בְּמִדְבַּר לא, כג): '**כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ**' א כלי וואס האט איינגעזאפט א טעם פון אן איסור, און עס איז אריין דורך פייער – '**תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ**' דארף מען עס כשר'ן דורך פייער, נאך איז מרומז דא אינעם פסוק, '**דָּבָר**' זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת דבר איז אויך א לשון פון מלכות, אזוי ווי פריער ערקלערט (אות ג'); אויב חס ושלום מען האט געזינדיגט און גורם געווען אז די מלכות – **שֶׁנִּמְשָׁךְ בְּתוֹךְ הַטֻּמְאָה** זאל ווערן אריינגעשלעפט אין די טומאה, **בְּתוֹךְ חֲמִימוּת הַיֵּצֶר** אין די פייער פונעם יצר הרע, דער רבי ברענגט א ראיה אז דער יצר הרע מאכט זינדיגן אויך מיט פייער, כְּמוֹ אזוי ווי מיר געפינען (קִדּוּשִׁין פא.), רבי עמרם האט געשריגן: '**נוֹרָא בֵּי עַמְרָם**' א פייער ברענט אין עמרם; דאס זאגט אונז דער

'תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ' — תִּקּוּנוֹ עַל-יְדֵי אֵשׁ, הַיְנוּ וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם כַּנַּ"ל.

וְזֶה לְשׁוֹן עֲבֵרָה, שֶׁהַצֵּרוּף שֶׁל עֲבֵרָה עוֹבֵר בְּתוֹךְ עַצְמוֹתָיו, מֵעֵבֶר אֶל עֵבֶר. וּמִצְוָה — לְשׁוֹן הִתְחַבְּרוּת, כְּשֶׁעוֹשֶׂה חֲבִילוֹת חֲבִילוֹת שֶׁל מִצְווֹת, (וַיִּקְרָא־רַבָּה כא): אֲזַי נִתְחַבְּרוּ שִׁבְרֵי עַצְמוֹתָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ד): "שֹׁמֵר כָּל עַצְמוֹתָיו".

ז וְזֶה פֵּרוּשׁ (מִשְׁלֵי ט"ז): "חֲמַת מֶלֶךְ מַלְאֲכֵי מָוֶת", כִּי חֲמָתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא בִּשְׁבִיל הַמַּלְכוּת שֶׁהִשְׁפִּיל עַל־יְדֵי עֲווֹנוֹתָיו, "וְאִישׁ חָכָם

פָּסוּק: 'כָּל דָּבָר אֲשֶׁר יָבֹא בָאֵשׁ', אוֹיבּ הָאסְטוּ גֶעזִינְדִיגְט אוּן דוּרְכְדֶעם גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דִי מַלְכוּת אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי פֵייעֶר פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, קֶען מֶען עֶס נָאר פַארְבְּרֶענְטְן דוּרְךְ 'תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ' דָאס כַּשֶׁר'ן דוּרְךְ פֵייעֶר, תִּקּוּנוֹ עַל יְדֵי אֵשׁ מֶען קֶען עֶס פַארְבְּרֶענְטְן דוּרְךְ פֵייעֶר, הַיְנוּ וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם כַּנַּ"ל דוּרְךְ גֵיין צוּם צַדִּיק אוּן זִיךְ פַאר אִים מִתְוַדֶּה זַיין; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיסְלֶעשְׁן דִי שְׁלֶעכְטֶע פֵייעֶר וָואס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ אוּן ווִיל אִים מַאכְן טוּן עֲבֵירוֹת; דוּרְךְ גֵיין צוּם צַדִּיק, אוּן דֶער צַדִּיק וֶועט אִים מַאכְן בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מִצְוֹת בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

וְזֶה לְשׁוֹן עֲבֵרָה דָאס אִיז וָואס מֶען רוּפְט אָן זִינְד מִיט דִי וָוארְט עֲבֵרָה, 'עֲבֵרָה' טַייטְשְׁט 'דוּרְךְ', שֶׁהַצֵּרוּף שֶׁל עֲבֵרָה וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, עוֹבֵר בְּתוֹךְ עַצְמוֹתָיו גֵייט דִי עֲבֵירָה אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, מֵעֵבֶר אֶל עֵבֶר דוּרְךְ אוּן אַדוּרְךְ. וּמִצְוָה אוּן דִי וָוארְט מִצְוָה, לְשׁוֹן הִתְחַבְּרוּת מֵיינְט בַּאהֶעפְטְן, (לְשׁוֹן צַוְתָּא), וֶוען מֶען טוּט מִצְוֹת וֶוערְט מֶען בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; כְּשֶׁעוֹשֶׂה 'חֲבִילוֹת חֲבִילוֹת שֶׁל מִצְווֹת' וֶוען מֶען טוּט אַסַאךְ מִצְוֹת (וַיִּקְרָא רַבָּה פָּרָשָׁה כא), אֲזַי נִתְחַבְּרוּ שִׁבְרֵי עַצְמוֹתָיו בַּאהֶעפְט מֶען צוּרִיק דִי בֵּיינֶער וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי עֲבֵירוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לד, כא): 'שׁוֹמֵר כָּל עַצְמוֹתָיו' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט זַיינֶע בֵּיינֶער; דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן צַדִּיק וָואס טוּט דִי מִצְוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ אִים וֶוערְן בַּאהָאפְטְן דִי בֵּיינֶער.

ז.

וְזֶה פֵּרוּשׁ אוּן דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי טז, יד): 'חֲמַת מֶלֶךְ' דֶער צָארְן פוּן קֶענִיג, 'מַלְאֲכֵי מָוֶת' אִיז וִוי שְׁלוּחִים וָואס טוֹיטְן, כִּי חֲמָתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֶערְנְט - בִּשְׁבִיל הַמַּלְכוּת שֶׁהִשְׁפִּיל עַל יְדֵי עֲווֹנוֹתָיו צוּלִיבּ דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶערְנִידֶערְט דִי מַלְכוּת דוּרְךְ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען זִינְדִיגְט - שְׁטוּפְּט מֶען אַוֶועק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס כָּבוֹד וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, אוּן עֶס וֶוערְט אוּנְטֶערְגֶעשַׁאצְט דִי מַלְכוּת, 'וְאִישׁ חָכָם' אוּן דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ -

'יְכַפְּרֶנָּה' קֶען אַוֶועק נֶעמֶען די צָארְן מִיט קְלוּגֶע רֵייד; וֶוער אִיז דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ? הַיְנוּ בְּחִינַת תַּלְמִיד חָכָם דָאס אִיז דֶער תַּלְמִיד חָכָם, בְּחִינַת משֶׁה די צַדִּיקִים וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן משֶׁה; אַז מֶען גֵייט צוּ זֵיי - הוּא יְכַפֵּר לוֹ וֶוערְן די עֲבֵירוֹת פַּארְצִייט, דֶער צַדִּיק בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ לָאזְט אָפּ אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

**פַארְוָואס קוּמְט מֶען צוּם צַדִּיק?**

**וַוייל** דָאס אִיז דֶער עִיקָּר וָואס מֶען אִיז מְקַבֵּל בַּיים צַדִּיק, עֲנָוָה וּשְׁפְלוּת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עב); מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן שֶׁעמֶען פַאר אִים. דָאס אַלֶעס בַּאקוּמְט מֶען בַּיים צַדִּיק, אַזוֹי וִוי מֶען דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל הָאבְּן זִיךְ די תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ צַאמְגֶעזֶעצְט, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט פוּן די מוֹפְתִים פוּן זֵייעֶר רֶבִּי, בַּיינַאכְט אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ אֵיינֶע פוּן די תַּלְמִידִים אוּן גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס רֶעדְט אִיר פוּן מַיינֶע מוֹפְתִים? פַארְוָואס רֶעדְט אִיר נִישְׁט פוּן די יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן פוּן די עֲנָוָה וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז?!"

וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָּר פוּן קוּמֶען צוּם צַדִּיק; עֶס פַאלְט אַ שִׁפְלוּת, מֶען הוֹיבְּט זִיךְ אָן שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דוּרְכְן קוּמֶען צוּם צַדִּיק וֶוערְט פַּארְצִייט די עֲבֵירוֹת. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִיכָה ז, יח): 'וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע' אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעבְּט די זִינְד, 'לִשְׁאֵרִית' - פְרֶעגְן די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז:) וָואס מֵיינְט לִשְׁאֵרִית? 'לְמִי שֶׁמֵּשִׂים עַצְמוֹ כְּשִׁירַיִם' פַאר דֶער וָואס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין, נִמְצָא קוּמְט אוֹיס פוּן דֶעם, אַז כְּשֶׁבָּא לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, וּמוֹצִיא כָּל צֵרוּפָיו לִפְנֵי הַתַּלְמִיד חָכָם אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט דֶעם צַדִּיק אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, וְהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת משֶׁה אוּן דֶער צַדִּיק אִיז דָאךְ בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ, שֶׁמֵּשִׂים עַצְמוֹ כְּשִׁירַיִם עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּמִדְבָּר יב, ג): 'וְהָאִישׁ משֶׁה עָנָו מְאֹד' משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, וְעַל יְדֵי זֶה נִקְרָא אִישׁ חָכָם אוּן דֶערִיבֶּער וֶוערְט דֶער צַדִּיק אָנְגֶערוּפְן אַ חָכָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט

---

יְכַפְּרֶנָּה", הַיְנוּ בְּחִינַת תַּלְמִיד חָכָם, בְּחִינַת משֶׁה, הוּא יְכַפֵּר לוֹ.

**כְּמוֹ** שֶׁכָּתוּב (מִיכָה ז): "וְעֹבֵר עַל פֶּשַׁע לִשְׁאֵרִית", 'לְמִי שֶׁמֵּשִׂים עַצְמוֹ כְּשִׁירַיִם' (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יז:). נִמְצָא, כְּשֶׁבָּא לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם וּמוֹצִיא כָּל צֵרוּפָיו לִפְנֵי הַתַּלְמִיד חָכָם, וְהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת משֶׁה, שֶׁמֵּשִׂים עַצְמוֹ כְּשִׁירַיִם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּמִדְבַּר י"ב): "וְהָאִישׁ משֶׁה עָנָו מְאֹד", וְעַל־יְדֵי־זֶה נִקְרָא אִישׁ חָכָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב

(אִיּוֹב כ"ח): "וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תִּמָּצֵא" (עַיֵּן סוֹטָה כא:). וּבָזֶה יֵשׁ כֹּחַ לַתַּלְמִיד חָכָם לְכַפֵּר, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר: וְאִישׁ חָכָם יְכַפְּרֶנָּה.

וּבִשְׁבִיל זֶה, כְּשֶׁהִתְפַּלֵּל מֹשֶׁה עַל חֵטְא הָעֵגֶל אָמַר (שְׁמוֹת ל"ב): "אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם, וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא". כִּי זֶה מִן הַנִּמְנָע שֶׁלֹּא יָבוֹא לְאָדָם אֵיזֶה גַּדְלוּת, כְּשֶׁשּׁוֹמֵעַ שֶׁמְּסַפְּרִין שִׁבְחוֹ, כָּל שֶׁכֵּן כְּשֶׁמֶּלֶךְ גָּדוֹל מְשַׁבֵּחַ וּמְפָאֵר אֶת הָאָדָם, אֲזַי בְּוַדַּאי מִן הַנִּמְנָע, שֶׁלֹּא יָבוֹא לוֹ אֵיזֶה גַּדְלוּת, אֲבָל צָרִיךְ לָזֶה בִּטּוּל כָּל הַרְגָּשׁוֹתָיו וְחָמְרִיּוּתָיו, אֲזַי יָכוֹל הָאָדָם, לִשְׁמֹעַ שִׁבְחוֹ, וְלֹא יָבוֹא לוֹ שׁוּם גַּדְלוּת, כְּמוֹ

אִין פָּסוּק (אִיּוֹב כח, יב): '**וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תִּמָּצֵא**', [אוּן פוּן וַואנֶעט קוּמְט דִי חָכְמָה?] אוֹיךְ טַייטְשְׁט 'מֵאַיִן' – פוּן 'גָארְנִישְׁט'; דֶער פָּסוּק זָאגְט וְהַחָכְמָה 'מֵאַיִן' תִּמָּצֵא, אַז אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ פַאר 'גָארְנִישְׁט' טְרֶעפְט מֶען 'חָכְמָה'. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַּרְשְׁ'עֶנֶען (עַיֵּן סוֹטָה כא:): 'אֵין דִּבְרֵי תּוֹרָה מִתְקַיְּמִין' דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נִישְׁט, 'אֶלָּא בְּמִי שֶׁמֵּשִׂים עַצְמוֹ כְּמִי שֶׁאֵינוֹ' נָאר בַּיי אֵיינֶער וָואס הַאלְט זִיךְ וִוי גָארְנִישְׁט; וַוייל דָאס אִיז דָאךְ דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, צוּ וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער אוּן אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, זַיין בָּטֵל צוּ אִים; **וּבָזֶה יֵשׁ כֹּחַ לַתַּלְמִיד חָכָם לְכַפֵּר** אוּן דֶערִיבֶּער הָאט דֶער צַדִּיק אַ כֹּחַ צוּ פַארְצַייעֶן אַלֶע עֲבֵירוֹת, **כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי טז, יד): '**וְאִישׁ חָכָם**' דֶער צַדִּיק וָואס אִיז בַּיי זִיךְ בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ – '**יְכַפְּרֶנָּה**' עֶר קֶען פַארְצַייעֶן דִי עֲבֵירוֹת.

**בָּטֵל צוּם אייבֶּערְשְׁטְן**

**וּבִשְׁבִיל זֶה** אוּן דֶערְפַאר, **כְּשֶׁהִתְפַּלֵּל מֹשֶׁה** וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן, **עַל חֵטְא הָעֵגֶל** בַּיים חֵטְא הָעֵגֶל – אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מוֹחֵל זַיין דִי אִידְן, **אָמַר** הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת לב, לב): '**אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם**' אָדֶער בִּיסְטוּ מוֹחֵל דִי אִידְן, '**וְאִם אַיִן**' אוּן אוֹיבּ נִישְׁט – '**מְחֵנִי נָא**' מֶעק מִיךְ אוֹיס פוּן דִי תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט וְאִם אַיִן אוּן אוֹיבּ נִישְׁט – מֶעק מִיךְ אוֹיס? **כִּי זֶה מִן הַנִּמְנָע** וַוייל דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, **שֶׁלֹּא יָבוֹא לְאָדָם אֵיזֶה גַּדְלוּת** אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן הַאלְטְן פוּן זִיךְ, **כְּשֶׁשּׁוֹמֵעַ** וֶוען עֶר הֶערְט, **שֶׁמְּסַפְּרִין שִׁבְחוֹ** וִוי מֶען לוֹיבְּט אִים אוֹיס, **כָּל שֶׁכֵּן** וֶוער רֶעדְט נָאךְ, **כְּשֶׁמֶּלֶךְ גָּדוֹל** וֶוען אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג, **מְשַׁבֵּחַ וּמְפָאֵר אֶת הָאָדָם** לוֹיבְּט אִים אוּן רִימְט אִים אוֹיס – **אֲזַי בְּוַדַּאי מִן הַנִּמְנָע** אִיז זִיכֶער נִישְׁט מֶעגְלִיךְ – **שֶׁלֹּא יָבוֹא לוֹ אֵיזֶה גַּדְלוּת** עֶס זָאל אִים נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען אַ מַחֲשָׁבָה פוּן זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן, **אֲבָל צָרִיךְ לָזֶה בִּטּוּל כָּל הַרְגָּשׁוֹתָיו וְחָמְרִיּוּתָיו** נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וּמְבוּטָל פַארְן אייבֶּערְשְׁטְן, **אֲזַי יָכוֹל הָאָדָם** דֶעמָאלְט קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְנֶעמֶען – **לִשְׁמֹעַ שִׁבְחוֹ** צוּ הֶערְן וִוי מֶען לוֹיבְּט אִים אוּן מֶען רִימְט אִים, **וְלֹא יָבוֹא לוֹ שׁוּם גַּדְלוּת**, אוּן עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן פוּן דֶעם

קיין שום מַחֲשָׁבוֹת פון זיך גְרויס הַאלְטְן, ווייל דער וואס איז בָּטֵל צום אייבֶּערְשְׁטְן, ער ווייסט אַז 'אַלֶעס איז דער אייבֶּערְשְׁטֶער' - בַּיי אים איז נִישְׁט שַׁיָּיךְ קיין 'אִיךְ', 'זִיךְ', 'מִיךְ', אַלֶעס איז נָאר אייבֶּערְשְׁטֶער, כְּמוֹ משֶׁה רַבֵּינוּ אַזוֹי ווי משֶׁה רַבֵּינוּ, שֶׁרָאָה כָּתוּב בַּתּוֹרָה וואס הָאט גֶעזֶעען שְׁטֵיין אין די תּוֹרָה: 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל משֶׁה' דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט צו משֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת ו, י), 'וַיֹּאמֶר ה' אֶל משֶׁה' דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט צו משֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת ז, כו), וְיִשְׂרָאֵל קוֹרְאִין בְּכָל יוֹם בַּתּוֹרָה און די אִידְן לֵיינֶען יֶעדְן טָאג אין די תּוֹרָה - שִׁבְחוֹ שֶׁל משֶׁה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון משֶׁה רַבֵּינוּ, וְהוּא בְּעַצְמוֹ און משֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין - מְסַפֵּר לָהֶם שְׁבָחָיו דֶערְצֵיילְט זַיין גְרוֹיסְקֵייט, וְלֹא הָיָה לְמשֶׁה און משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט - שום הִתְפָּאֲרוּת וְגַדְלוּת מִזֶּה קיין שום מַחֲשָׁבוֹת פון זיך גְרויס הַאלְטְן פון דֶעם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אין פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר יב, ג): 'וְהָאִישׁ משֶׁה עָנָו מְאֹד' משֶׁה רַבֵּינוּ איז גֶעוֶועזְן בַּיי זיך גָארְנִישְׁט, וּבְוַדַּאי עַל יְדֵי עַנְוְתָנוּתוֹ איז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּרְךְ זַיין מַדְרֵיגָה פון עֲנָוָה, הָיָה כֹּחַ בְּיַד משֶׁה הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעהַאט די כֹּחַ - לְכַפֵּר עֲווֹן הָעֵגֶל צו פַארְצֵייעֶן די חֵטְא הָעֵגֶל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי טז, יד): 'וְאִישׁ חָכָם' און אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ 'יְכַפְּרֶנָּה' קֶען פַארְצֵייעֶן די עֲבֵירוֹת.

וְזֶה שֶׁטָּעַן משֶׁה און דָאס איז גֶעוֶועזְן די טַעֲנָה פון משֶׁה רַבֵּינוּ צום אייבֶּערְשְׁטְן (שְׁמוֹת לב, לב): 'וְאִם אַיִן' און אוֹיבּ נִישְׁט, הַיְנוּ דָאס הֵייסְט, 'אִם לֹא תִשָּׂא חַטָּאתָם' אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְצֵייעֶן זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, בָּזֶה אַתָּה מַרְאֶה מִיט דֶעם טוּסְטוּ ווייזְן - שֶׁאֵין לִי כָּל כָּךְ עֲנִיווּת אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קיין עָנָיו, שֶׁאוּכַל לְכַפֵּר לָהֶם עֲווֹן הָעֵגֶל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט די כֹּחַ צו קֶענֶען פַארְצֵייעֶן די חֵטְא הָעֵגֶל, בְּכֵן בַּקָּשְׁתִּי בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם 'מְחֵנִי נָא' מֶעק מִיךְ אוֹיס פון די תּוֹרָה - כְּדֵי שֶׁלֹּא אֶכָּשֵׁל בְּגַדְלוּת אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צו מַחֲשָׁבוֹת פון זיך גְרויס הַאלְטְן, שֶׁאֲנִי רוֹאֶה וְשׁוֹמֵעַ בְּכָל עֵת סִפּוּר שְׁמִי וְשִׁבְחִי בַּתּוֹרָה מִיט דֶעם וואס

משֶׁה רַבֵּנוּ, שֶׁרָאָה כָּתוּב בַּתּוֹרָה: "וַיְדַבֵּר ה' אֶל משֶׁה", "וַיֹּאמֶר ה' אֶל משֶׁה", וְיִשְׂרָאֵל קוֹרְאִין בְּכָל יוֹם בַּתּוֹרָה שִׁבְחוֹ שֶׁל משֶׁה, וְהוּא בְּעַצְמוֹ מְסַפֵּר לָהֶם שְׁבָחָיו, וְלֹא הָיָה לְמשֶׁה שׁוּם הִתְפָּאֲרוּת וְגַדְלוּת מִזֶּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהָאִישׁ משֶׁה עָנָו מְאֹד", וּבְוַדַּאי עַל־יְדֵי עַנְוְתָנוּתוֹ, הָיָה כֹּחַ בְּיַד משֶׁה לְכַפֵּר עֲווֹן־הָעֵגֶל. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְאִישׁ חָכָם יְכַפְּרֶנָּה".

וְזֶה שֶׁטָּעַן משֶׁה: "וְאִם אַיִן", הַיְנוּ "אִם לֹא תִשָּׂא חַטָּאתָם", בָּזֶה אַתָּה מַרְאֶה, שֶׁאֵין לִי כָּל כָּךְ עֲנִיווּת, שֶׁאוּכַל לְכַפֵּר לָהֶם עֲווֹן הָעֵגֶל. בְּכֵן בַּקָּשָׁתִי "מְחֵנִי נָא", כְּדֵי שֶׁלֹּא אֶכָּשֵׁל בְּגַדְלוּת, שֶׁאֲנִי רוֹאֶה וְשׁוֹמֵעַ בְּכָל עֵת סִפּוּר שְׁמִי וְשִׁבְחִי בַּתּוֹרָה, כִּי מִי יוּכַל

לַעֲמֹד בָּזֶה, שֶׁיִּשְׁמַע סִפּוּר שִׁבְחוֹ וְלֹא יִתְגָּאֶה, אִם לֹא עָנָו גָּדוֹל, וְאִם אֲנִי עָנָו, צָרִיךְ לְךָ שֶׁתִּשָּׂא חַטָּאתָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע לִשְׁאֵרִית" וְכוּ'.

**וְזֶה** (דְּבָרִים ל"ג): "וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ", הַיְנוּ שֶׁמַּלְכוּת עָלָה לְשָׁרְשָׁהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ז): "וַעֲנָוִים יִרְשׁוּ אָרֶץ", וְ'אֶרֶץ' הִיא דִּינָא דְּמַלְכוּתָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (אִיּוֹב כ): "וְאֶרֶץ מִתְקוֹמָמָה לוֹ":

אִיךְ זֶע אוּן אִיךְ הֶער ווִי מֶען רֶעדְט כְּסֵדֶר פוּן מַיין לוֹיבּ אִין דִי תּוֹרָה; **כִּי מִי יוּכַל לַעֲמֹד בָּזֶה** ווַייל ווֶער הַאלְט דֶען בַּיי דִי מַדְרֵיגָה, **שֶׁיִּשְׁמַע סִפּוּר שִׁבְחוֹ וְלֹא יִתְגָּאֶה** צוּ הֶערְן ווִי מֶען לוֹיבְּט אִים אוֹיס - אוּן זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס הַאלְטְן, **אִם לֹא עָנָו גָּדוֹל** נָאר אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו, **וְאִם אֲנִי עָנָו** אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַן עָנָיו, **צָרִיךְ לְךָ שֶׁתִּשָּׂא חַטָּאתָם** דַארְפְסְטוּ מוֹחֵל זַיין זֵייעֶר זִינְד (פוּן חֵטְא הָעֵגֶל), **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִיכָה ז, יח): **'וְעוֹבֵר עַל פֶּשַׁע'** דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעבְּט דִי זִינְד, **'לִשְׁאֵרִית'** פַאר דִי אִיבֶּערְבְּלַייבּוּנְג, **וְכוּ'**, ווִי אוֹיבְן גֶעשְׁמוּעֶסְט, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשׁ'עֶנֶען אוֹיף דֶעם פָּסוּק, אַז דִי צַדִּיקִים וָואס הַאלְטְן זֵיי זֶענֶען גָארְנִישְׁט - זֵיי קֶענֶען פַארְצֵייעֶן דִי עֲבֵירוֹת.

**וְזֶה** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים לג, ה): **'וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ'** מֹשֶׁה הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין קֶענִיג, **הַיְנוּ שֶׁמַּלְכוּת עָלָה לְשָׁרְשָׁהּ** עֶר הָאט צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דִי מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז גֶעוֶוען בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דוּרְךְ עֲנָוָה הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווֶערְן מֶלֶךְ.

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דוּרְךְ עֲנָוָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מַלְכוּת, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, יא): **'וַעֲנָוִים יִרְשׁוּ אָרֶץ'** דִי וָואס הַאלְטְן זִיךְ קְלֵיין טוּעֶן יַרְשׁ'עֶנֶען אֶרֶץ, וָואס מֵיינְט אֶרֶץ? **וְ'אֶרֶץ' הִיא דִּינָא דְּמַלְכוּתָא** דָאס מֵיינְט מֶען דִי מַלְכוּת, אֶרֶץ אִיז דִי דִינִים פוּן דִי מַלְכוּת, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב כ, כז): **'וְאֶרֶץ'** אוּן דִי עֶרְד, **'מִתְקוֹמָמָה לוֹ'** ווֶעט אוֹיפְשְׁטֵיין קֶעגְן אִים, צוּ שְׁטְרָאפְן אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען אַז אֶרֶץ אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי דִינִים פוּנֶעם מַלְכוּת, אוּן מֶען קֶען אִין דֶעם פָּסוּק אוֹיךְ אַרֵיינְטַייטְשְׁן דֶעם רֶבִּינ'ס ווֶערְטֶער, אַז 'אֶרֶץ' - דִי מַלְכוּת, 'מִתְקוֹמָמָה לוֹ' - שְׁטֶעלְט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְן רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

**מִיט** דֶעם אוֹפֶן קֶען מֶען אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט אַרֵיינְטַייטְשְׁן דִי אָנְהוֹיבּ פוּנֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב, שָׁם): 'יְגַלּוּ שָׁמַיִם עֲוֹנוֹ' - אוֹיבּ אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט זַיינֶע זִינְד, עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער פַארְן צַדִּיק וָואס אִיז נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - 'וְהָאָרֶץ' ווֶערְט דִי מַלְכוּת, 'מִתְקוֹמָמָה לוֹ' צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט רִיכְטִיג אוֹיפְן פְּלַאץ.

**ח** וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוֹטָה כא.): מָשָׁל לְאֶחָד, שֶׁהָיָה מְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ בְּאִישׁוֹן לַיְלָה וַאֲפֵלָה, וּמִתְיָרֵא מִן הַקּוֹצִים וּמִן הַפְּחָתִים וּמֵחַיָּה רָעָה וּמִלִּסְטִים, וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ מְהַלֵּךְ וְכוּ':

**כִּי** זֶה יָדוּעַ, שֶׁכָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן נִמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת,

**ח.**

**וְזֶהוּ** דָאס אַלֶעס אִיז מְרוּמָז אִין דִי ווערְטֶער, שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה כא.): 'מָשָׁל לְאֶחָד שֶׁהָיָה מְהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ' אַ מָשָׁל, אֵיינֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיפְן וֶועג, 'בְּאִישׁוֹן לַיְלָה וַאֲפֵלָה' אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ פוּן דִי נַאכְט, 'וּמִתְיָרֵא מִן הַקּוֹצִים' אוּן עֶר הָאט זַייעֶר מוֹרָא עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צֶעשְׁנַיידְן פוּן דִי דֶערְנֶער, 'וּמִן הַפְּחָתִים' אוֹיךְ הָאט עֶר זַייעֶר מוֹרָא פוּן גְרִיבֶּער, עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ גְרוּבּ, 'וּמֵחַיָּה רָעָה' אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חַיוֹת, 'וּמִלִּסְטִים' אוּן פוּן רוֹיבֶּער, 'וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ מְהַלֵּךְ' וְכוּ' אוֹיךְ וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וֶועלְכֶע וֶועג צוּ גֵיין, זָאגְט דִי גְמָרָא: 'נִזְדַּמְּנָה לוֹ אֲבוּקָה שֶׁל אוּר' עֶר הָאט גֶעפִינֶען אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע פַאקְל, 'נִצַּל מִן הַקּוֹצִין וּמִן הַפְּחָתִים וּמִן הַבַּרְקָנִים' הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין שְׁרֶעק פוּן דִי דֶערְנֶער אוּן פוּן דִי גְרִיבֶּער, עֶר קֶען זֶען וואוּ צוּ גֵיין, אָבֶּער 'וַעֲדַיִן מִתְיָרֵא' עֶר הָאט נָאכְאַלְץ אַ שְׁרֶעק, 'מֵחַיָּה רָעָה וּמִן הַלִּיסְטִים' פוּן חַיוֹת רָעוֹת אוּן פוּן רוֹיבֶּער, 'וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה דֶרֶךְ מְהַלֵּךְ', אוּן אוֹיךְ וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, וֶועלְכֶע וֶועג אִיז דִי גוּטֶע וֶועג, 'כֵּיוָן שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר' אָבֶּער וֶוען דֶער מָארְגְנְשְׁטֶערְן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט, 'נִצַּל מֵחַיָּה רָעָה וּמִן הַלִּיסְטִים', אִיז עֶר שׁוֹין גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי חַיוֹת רָעוֹת אוּן פוּן דִי רוֹיבֶּער, 'וַעֲדַיִן אֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה דֶרֶךְ מְהַלֵּךְ', אָבֶּער עֶר וֵוייסְט נָאכְאַלְץ נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, 'הִגִּיעַ לְפָרָשַׁת דְּרָכִים', וֶוען עֶר קוּמְט אָן צוּ דִי פְּלַאץ וואוּ דִי וֶועג צֶעשֵׁיידְט זִיךְ, 'נִצֹּל מִכֻּלָּם' וֵוייסְט עֶר שׁוֹין וואוּ צוּ גֵיין, וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם.

**די שׁוֹרֶשׁ פוּן די פִּיר יְסוֹדוֹת**

**כִּי** זֶה יָדוּעַ וַוייל דָאס וֵוייסְן אַלֶע, שֶׁכָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן אַז אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, נִמְשָׁכִין מֵאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת, קוּמֶען פוּן דִי פִּיר יְסוֹדוֹת: 'אֵשׁ' - פֵייעֶר, 'רוּחַ' - לוּפְט, 'מַיִם' - וַואסֶער, 'עָפָר' - עֶרְד, וָואס דִי פִּיר יְסוֹדוֹת זֶענֶען דִי פִּיר בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן: 'דוֹמֵם' 'צוֹמֵחַ' 'חַי' אוּן 'מְדַבֵּר', וָואס דִי שׁוֹרֶשׁ פוּן דִי פִּיר יְסוֹדוֹת זֶענֶען בֶּאֱמֶת דִי פִּיר אוֹתִיּוֹת פוּן דֶעם שֵׁם הַוָיָ"ה וָואס אִיז קֶעגְן דִי פִּיר וֶועלְטְן אֲצִילוּת, בְּרִיאָה, יְצִירָה, אוּן עֲשִׂיָּה [וַוייל אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ נִיצְט זַיינֶע פִּיר יְסוֹדוֹת פַאר הֵיילִיגֶע זַאכְן, אִיז עֶר זוֹכֶה נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר שְׁפִּירְט נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט דִי גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין עוֹלָם

מֵאַרְבַּע מָרוֹת, כַּמּוּבָא בְּמִשְׁנַת חֲסִידִים: 'עַצְבוּת וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן נִמְשָׁכִין מִדּוֹמֵם', 'תַּאֲווֹת רָעוֹת וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן נִמְשָׁכִין מִצּוֹמֵחַ', 'דְּבָרִים בְּטֵלִים וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן נִמְשָׁכִין מֵחַי'. 'גַּאֲוָה וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן נִמְשָׁכִין מִמְּדַבֵּר'. וּמִי שֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַקֹּדֶשׁ, צָרִיךְ לְשַׁבֵּר כָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת, וִיסַפֵּר לִפְנֵי הַתַּלְמִיד חָכָם, הַיְנוּ וִדּוּי דְּבָרִים. וְהַתַּלְמִיד חָכָם יְפָרֵשׁ וִיבָרֵר לוֹ דֶּרֶךְ לְפִי שֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ.

וְיֵשׁ שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת בְּהִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיקִים, שֶׁעַל-יְדֵי שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת אֵלּוּ נִתְתַּקֵּן הַכֹּל.

הַבָּא]. ווידעראום, אויב ער ניצט נִישְׁט די פיר יְסוֹדוֹת אויף הייליגע זאכן – פַאלְט ער אַרײַן אין גָלוּת, און שְׁפִּירְט נִישְׁט דעם אײבֶּערשְׁטְן; פַארְקֶערְט, ער הָאט אין זיך אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת וָואס קוּמֶען פון די פיר יְסוֹדוֹת אֵשׁ, רוּחַ, מַיִם, און עָפָר. וָואס די שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת קוּמֶען מֵאַרְבַּע מָרוֹת פון די פיר סָארְט מָרָה'ס, עס איז דָא 'מָרָה לְבָנָה', 'מָרָה שְׁחוֹרָה', 'מָרָה יְרֻקָּה' און 'מָרָה אֲדוּמָה', כַּמּוּבָא בְּמִשְׁנַת חֲסִידִים (מַסֶּכֶת הַהַרְכָּבָה פֶּרֶק א, אוֹת א) אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט אויסגֶעשְׁמוּעֶסְט אין מִשְׁנַת חֲסִידִים, 'עַצְבוּת וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן' די שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פון זַיין דֶערְבִּיטֶערְט – 'נִמְשָׁכִין מִדּוֹמֵם' קוּמְט פון דוֹמֵם, דָאס איז פון די מָרָה שְׁחוֹרָה – עָפָר עֶרְד. 'תַּאֲווֹת רָעוֹת וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן' דאס גְלִיסְטְן צו שְׁלֶעכְטְס – 'נִמְשָׁכִין מִצּוֹמֵחַ' קוּמְט פון צוֹמֵחַ, דָאס איז פון די מָרָה יְרֻקָּה – מַיִם וואסֶער. 'דְּבָרִים בְּטֵלִים וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן' רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן – 'נִמְשָׁכִין מֵחַי' קוּמְט פון חַי דָאס איז די מָרָה לְבָנָה – רוּחַ לוּפְט. 'גַּאֲוָה וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן' זִיךְ גְרויס הַאלְטְן – 'נִמְשָׁכִין מִמְּדַבֵּר' קוּמְט פון מְדַבֵּר, דָאס איז די מָרָה אֲדוּמָה – אֵשׁ פֵייעֶר. אַלֶע לַיידְן פון די שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; אײנֶער לַיידְט פון אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, און אַז נִישְׁט פון אַלֶע – לַיידט מֶען פון אײנֶע פון זײ, וּמִי שֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַקֹּדֶשׁ און וֶוער עֶס וויל דִינֶען דֶעם אײבֶּערשְׁטְן, צָרִיךְ לְשַׁבֵּר כָּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת דַארְף צֶעבְּרֶעכְן די שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צו די קְדוּשָּׁה.

וְוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צו צֶעבְּרֶעכְן די שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת? וִיסַפֵּר לִפְנֵי הַתַּלְמִיד חָכָם דוּרְךְ דֶערְצֵיילְן פַארְן צַדִּיק, הַיְנוּ וִדּוּי דְּבָרִים דָאס הֵייסְט מַאכְן וִדּוּי דְּבָרִים, דֶערְצֵיילְן ווי וַוייט מֶען אִיז פוּנֶעם אײבֶּערשְׁטְן, וָואס פַאר אַ שְׁלֶעכְטֶע און עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן מֶען הָאט גֶעטוּן, און דֶערְצֵיילְן פַארְן צַדִּיק ווי מֶען הַאלְט אויף דֶער וֶועלְט, וְהַתַּלְמִיד חָכָם און דֶער צַדִּיק – יְפָרֵשׁ וִיבָרֵר לוֹ דֶּרֶךְ וֶועט אִים לֶערְנֶען אַ וֶועג ווי אַזוֹי צו אויסְאַרְבֶּעטְן און מְבַטֵּל זַיין די שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, לְפִי שֹׁרֶשׁ נִשְׁמָתוֹ לוֹיט זַיין שוֹרֶשׁ נְשָׁמָה.

**ווי אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט צוּם צַדִּיק?**

וְיֵשׁ שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת בְּהִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיקִים עֶס אִיז דָא דְרֵיי וֶועגְן ווי אַזוֹי צו וֶוערְן נָאנְט צוּם צַדִּיק, שֶׁעַל יְדֵי שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת אֵלּוּ וָואס דוּרְךְ די דְרֵיי וֶועגְן, נִתְתַּקֵּן הַכֹּל קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

### וְאֵלּוּ הֵם הַשְּׁלשָׁה בְּחִינוֹת:

**הַבְּחִינָה הָרִאשׁוֹנָה:** כְּשֶׁרוֹאֶה אֶת הַצַּדִּיק, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ ל): "וְהָיוּ עֵינֶיךָ רוֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ". וְזֹאת הַבְּחִינָה מְבַטֶּלֶת הַמִּדּוֹת רָעוֹת הַנִּמְשָׁכִין מִשְּׁנֵי הַיְסוֹדוֹת: 'דּוֹמֵם' 'צוֹמֵחַ', הַיְנוּ עַצְבוּת וְתוֹלְדוֹתֶיהָ, וְתַאֲווֹת רָעוֹת.

**כִּי** צַדִּיק הַדּוֹר נִקְרָא אֵם, עַל שֵׁם שֶׁהוּא מֵינִיק לְיִשְׂרָאֵל בְּאוֹר תּוֹרָתוֹ, וְהַתּוֹרָה נִקְרֵאת חָלָב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שִׁיר־הַשִּׁירִים ד): "דְּבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנֵךְ". וְזֶה אָנוּ רוֹאִים בְּחוּשׁ, כְּשֶׁהַתִּינוֹק הוּא בְּעַצְבוּת וְעַצְלוּת, כְּשֶׁרוֹאֶה אֶת אִמּוֹ הוּא נִתְעוֹרֵר בִּזְרִיזוּת גָּדוֹל לִקְרַאת אִמּוֹ, הַיְנוּ לְשָׁרְשׁוֹ. גַּם אָנוּ רוֹאִים בְּחוּשׁ, כְּשֶׁהַתִּינוֹק עוֹסֵק בְּדִבְרֵי שְׁטוּת שֶׁלּוֹ, אַף־עַל־פִּי שֶׁיֵּשׁ לוֹ תַּאֲוָה גְּדוֹלָה לָזֶה, אַף־עַל־פִּי כֵן כְּשֶׁרוֹאֶה

**וְאֵלּוּ** הֵם הַשְּׁלשָׁה בְּחִינוֹת און דָאס זֶענֶען די דְרֵיי וֶועגְן. הַבְּחִינָה הָרִאשׁוֹנָה די עֶרְשְׁטֶע וֶועג - כְּשֶׁרוֹאֶה אֶת הַצַּדִּיק וֶוען מֶען זֶעט דֶעם צַדִּיק, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ל, כ): 'וְהָיוּ עֵינֶיךָ רוֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ' דַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן זִיךְ צוּקוּקְן צוּם צַדִּיק; ווייל דָאס קוּקְן אוֹיפְן צַדִּיק טוּט אוֹיף זֵייעֶר אַסַאךְ. וְזֹאת הַבְּחִינָה און וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיפְן צַדִּיק, מְבַטֶּלֶת הַמִּדּוֹת רָעוֹת נֶעמְט דָאס אַוֶועק די שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת, הַנִּמְשָׁכִין מִשְּׁנֵי הַיְסוֹדוֹת וָואס קוּמֶען פוּן די צְוֵויי יְסוֹדוֹת: דּוֹמֵם צוֹמֵחַ דוֹמֵם און צוֹמֵחַ, הַיְנוּ עַצְבוּת וְתוֹלְדוֹתֶיהָ עֶס נֶעמְט אַוֶועק די עַצְבוּת, וְתַאֲווֹת רָעוֹת און עֶס נֶעמְט אַוֶועק דָאס גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי ווִי אַ מַאמֶע**

**כִּי** צַדִּיק הַדּוֹר נִקְרָא אֵם ווייל דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מַאמֶע, עַל שֵׁם שֶׁהוּא מֵינִיק לְיִשְׂרָאֵל בְּאוֹר תּוֹרָתוֹ ווייל דֶער צַדִּיק גֶעבְּט צוּ זֵייגְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער דוּרְךְ די לִיכְטִיגְקֵייט פוּן זַיינֶע תּוֹרוֹת; דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'מַאמֶע', אַזוֹי ווִי אַ מַאמֶע גֶעבְּט צוּ זֵייגְן מִילְךְ פַאר די קִינְדֶער - אַזוֹי גֶעבְּט אוּנְז דֶער צַדִּיק פוּן זַיין תּוֹרָה. וְהַתּוֹרָה נִקְרֵאת חָלָב און די תּוֹרָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִילְךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, יא): 'דְּבַשׁ וְחָלָב תַּחַת לְשׁוֹנֵךְ' הָאנִיג און מִילְךְ זֶענֶען אוּנְטֶער דַיין צוּנְג, וְזֶה אָנוּ רוֹאִים בְּחוּשׁ און דָאס זֶעעֶן מִיר דָאךְ קְלָאר, כְּשֶׁהַתִּינוֹק הוּא בְּעַצְבוּת וְעַצְלוּת וֶוען אַ קִינְד אִיז טְרוֹיעֶרִיג און פוֹיל, כְּשֶׁרוֹאֶה אֶת אִמּוֹ און דָאס קִינְד זֶעט די מַאמֶע - הוּא נִתְעוֹרֵר בִּזְרִיזוּת גָּדוֹל לִקְרַאת אִמּוֹ לוֹיפְט דָאס קִינְד צוּם מַאמֶען פְלִינְק, הַיְנוּ לְשָׁרְשׁוֹ עֶר לוֹיפְט צוּרִיק צוּם שׁוֹרֶשׁ. גַּם אָנוּ רוֹאִים בְּחוּשׁ אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר, כְּשֶׁהַתִּינוֹק עוֹסֵק בְּדִבְרֵי שְׁטוּת שֶׁלּוֹ וֶוען דָאס קִינְד אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אַף עַל פִּי שֶׁיֵּשׁ לוֹ תַּאֲוָה גְּדוֹלָה לָזֶה מִיט דֶעם וָואס עֶר הָאט אַ שְׁטַארְקֶע תַּאֲוָה צוּ די נַארִישְׁקֵייטְן, אַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁרוֹאֶה אֶת אִמּוֹ אָבֶער וֶוען דָאס קִינְד זֶעט די

מַאמֶע, הוּא מַשְׁלִיךְ כָּל תַּאֲווֹתָיו אַחַר כְּתֵפָיו וַוארְפְט דָאס קִינְד אַוֶועק אַלֶע נארִישְׁקֵייטְן, וּמוֹשֵׁךְ אֶת עַצְמוֹ לְאִמּוֹ אוּן לוֹיפְט צוּ דִי מַאמֶע.

שְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן דִי דֶערְנֶער, שֶׁהוּא בְּחִינַת צוֹמֵחַ דָאס מֵיינְט מֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת וָואס קוּמֶען פוּן דִי יְסוֹד צוֹמֵחַ, 'וּפְחָתִים' אוּן עֶר שְׁרֶעקְט זִיךְ פוּן לֶעבֶער, שֶׁהוּא בְּחִינַת דוֹמֵם דָאס מֵיינְט מֶען דִי תַּאֲווֹת וָואס צִיעֶן זִיךְ צוּם מֶענְטְשׁ פוּן דִי יְסוֹד דוֹמֵם; וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת וָואס קוּמֶען פוּן דִי קוֹצִים - צוֹמֵחַ, אוּן פוּן דִי פְּחָתִים - דוֹמֵם, וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס מְבַטֵּל זַיין? זָאגְט דֶער רֶבִּי וּכְשֶׁנִּזְדַּמֵּן לוֹ 'אֲבוּקָה שֶׁל אוֹר' אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעפִינֶען אַ בְּרֶענֶעדִיגֶע פַאקֶל, וָואס אִיז דִי פַאקֶל? זֶה תַּלְמִיד חָכָם דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם צַדִּיק, שֶׁהוּא אָבִיק בְּאוֹר הַתּוֹרָה וָואס אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ דִי תּוֹרָה, דֶער תַּלְמִיד חָכָם אִיז דָאךְ פֵייעֶר (אַזוֹי וְוִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט), וְעַל יָדוֹ אוּן דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק, נִצּוֹל וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט, מִמִּדּוֹת רָעוֹת פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת שֶׁל שְׁנֵי יְסוֹדוֹת דוֹמֵם צוֹמֵחַ וָואס קוּמְט פוּן דִי יְסוֹדוֹת דוֹמֵם אוּן צוֹמֵחַ, וְאָז 'נִצּוֹל מִן הַקּוֹצִים וּמִן הַפְּחָתִים' אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי דֶערְנֶער אוּן דִי גְרִיבֶער; וַוייל דֶער צַדִּיק שַׁיינְט אַ לִיכְטִיגְקֵייט אוּן ווייזט אוּנְז וואוּ צוּ גֶעפִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

**אֶת אִמּוֹ, הוּא מַשְׁלִיךְ כָּל תַּאֲווֹתָיו אַחַר כְּתֵפָיו, וּמוֹשֵׁךְ אֶת עַצְמוֹ לְאִמּוֹ.**

**נִמְצָא, שֶׁנִּתְבַּטְּלִין הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁל שְׁנֵי הַיְסוֹדוֹת: 'דוֹמֵם' 'צוֹמֵחַ', עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּת פְּנֵי הַצַּדִּיק.**

**וְזֶהוּ 'וּמִתְיָרֵא מִן הַקּוֹצִים', שֶׁהוּא בְּחִינַת 'צוֹמֵחַ'. 'וּפְחָתִים' שֶׁהוּא בְּחִינַת 'דוֹמֵם'. וּכְשֶׁנִּזְדַּמֵּן לוֹ אֲבוּקָה שֶׁל אוֹר, זֶה תַּלְמִיד חָכָם, שֶׁהוּא אָבִיק בְּאוֹר הַתּוֹרָה וְעַל־יָדוֹ נִצּוֹל מִמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁל שְׁנֵי יְסוֹדוֹת: 'דוֹמֵם' 'צוֹמֵחַ', וְאָז נִצּוֹל מִן הַקּוֹצִים וּמִן הַפְּחָתִים:**

### קוּקְן אוֹיפְן צַדִּיק

**נִמְצָא** זֶעעֶן מִיר, שֶׁנִּתְבַּטְּלִין הַמִּדּוֹת רָעוֹת אַז עֶס וֶוערְט אוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, שֶׁל שְׁנֵי הַיְסוֹדוֹת פוּן דִי צְוֵויי יְסוֹדוֹת, דוֹמֵם צוֹמֵחַ דוֹמֵם אוּן צוֹמֵחַ - עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּת פְּנֵי הַצַּדִּיק דוּרְךְ קוּקְן אוֹיפְן צַדִּיק, דָאס מֵיינְט מֶען לֶערְנֶען דֶעם צַדִּיק'ס סְפָרִים; וַוייל דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען לֶערְנְט דִי תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִּיק - זֶעט מֶען דֶעם פָּנִים פוּן צַדִּיק, וַוייל אִין זַיינֶע תּוֹרוֹת אִיז בַּאהַאלְטְן זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין פָּנִים (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב); וַוייל קוּקְן אוֹיפְן פָּנִים פוּנֶעם צַדִּיק אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל ווִיסְן וָואס דֶער צַדִּיק ווִיל, אוּן וָואס זֶענֶען זַיינֶע עֵצוֹת, דָאס אִיז נִישְׁט 'רְאִיַּת פְּנֵי הַצַּדִּיק', מִיט דֶעם הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט קֵיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיטְן צַדִּיק, מֶען קֶען זִיךְ גוּט אָפְּנַארְן, אוּן דוּרְךְ לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיק וֶוערְט בָּטֵל דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

**וְזֶהוּ** דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא: 'וּמִתְיָרֵא מִן הַקּוֹצִים' עֶר

און בְּרענגט אַרייַן אין אונז אַ שְׁטאַרקֶע אֱמוּנָה, און אַז מֶען קוּקט אוֹיפְן צַדִּיק, דָאס מֵיינט מֶען אַז מֶען לֶערנְט זַיינֶע סְפָרִים, זַיינֶע תּוֹרוֹת - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עַצְבוּת, עַצְלוּת און תַּאֲווֹת רָעוֹת.

נָאר אַז מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ אוֹיף יֶענֶעם, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גָארְנִישְׁט וֶוערְד; אוֹיבּ וָואלְט מֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעגְרוֹיסְט - וָואלְט מֶען נִישְׁט אָנְגֶערִירְט יֶענֶעמ'ס פְּרוּטָה.

**הַבְּחִינָה** הַשְּׁנִיָּה: הַצְּדָקָה שֶׁנּוֹתֵן לְתַלְמִיד חָכָם, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה נִצּוֹל מִמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁל שְׁנֵי יְסוֹדוֹת: 'חַי' 'מְדַבֵּר', שֶׁהֵן בְּחִינַת 'חַיָּה רָעָה וְלִסְטִים', שֶׁהֵן דְּבָרִים בְּטֵלִים וְגַאֲוָה וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן.

**כִּי** עַל-יְדֵי דְּבָרִים בְּטֵלִים וּלְשׁוֹן הָרָע, **בָּא** עֲנִיּוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ד): "כִּי מֵתוּ כָּל הָאֲנָשִׁים", זֶהוּ עֲנִיּוּת. גַּם בְּגַאֲוָה אָמְרוּ (קִדּוּשִׁין מט:) 'סִימָן לְגַסּוּת הָרוּחַ — עֲנִיּוּת'. וְעַל-יְדֵי צְדָקָה נִתְעַשֵּׁר, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (גִּטִּין ז:):

**צְדָקָה פַארְן צַדִּיק**

**הַבְּחִינָה** הַשְּׁנִיָּה די צְווייטֶע וֶועג נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם צַדִּיק הַצְּדָקָה שֶׁנּוֹתֵן לְתַלְמִיד חָכָם אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַארְן צַדִּיק, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּם צַדִּיק, שֶׁעַל יְדֵי זֶה און דוּרְךְ דֶעם, **נִצּוֹל** וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט, מִמִּדּוֹת רָעוֹת פוּן די שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, שֶׁל שְׁנֵי יְסוֹדוֹת חַי מְדַבֵּר פוּן די צְווֵיי יְסוֹדוֹת חַי און מְדַבֵּר, שֶׁהֵן בְּחִינַת 'חַיָּה רָעָה' וָואס דָאס אִיז מְרוּמָז אִין די מַעֲשֶׂה אִין די גְמָרָא, אַז מֶען הָאט אַ שְׁרֶעק פוּן חַיּוֹת רָעוֹת, 'וְלִסְטִים' און רוֹיבֶּער, שֶׁהֵן דְּבָרִים בְּטֵלִים דָאס מֵיינְט מֶען רֶעדְן אִיבְּרִיגֶע רֵייד; וַוייל מִיט וָואס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ מֶער פוּן אַ בַּעַל חַי? מִיט דֶעם כֹּחַ הַדִּבּוּר, אָבֶּער אוֹיבּ נוּצְט מֶען דֶעם דִיבּוּר פַאר שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - אִיז מֶען נִישְׁט מֶער וִוי אַ חַיָּה רָעָה וָואס פַארְצִיקְט, וְגַאֲוָה וְתוֹלְדוֹתֵיהֶן אוֹיךְ וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן גַּאֲוָה, דָאס אִיז די רוֹיבֶּער; וַוייל וִוי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ בַּארוֹיבְּן אַ צְווייטְן?

**פַארְוָואס** דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה פַארְן צַדִּיק, וֶוערְט פַארְרַאכְטְן די עֲבֵירָה פוּן דְּבָרִים בְּטֵלִים, לָשׁוֹן הָרָע און גַּאֲוָה? **כִּי עַל יְדֵי דְּבָרִים בְּטֵלִים וּלְשׁוֹן הָרָע**, וַוייל דוּרְךְ רֶעדְן דְּבָרִים בְּטֵלִים און לָשׁוֹן הָרָע - **בָּא** עֲנִיּוּת וֶוערְט מֶען אָרֶעם, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת ד, יט): 'כִּי מֵתוּ כָּל הָאֲנָשִׁים' די מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דִיךְ גֶעוָואלְט הַרְגֶ'ענֶען, דָאס מֵיינְט מֶען דָּתָן וַאֲבִירָם - זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן, און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים סד:): 'זֶהוּ עֲנִיּוּת'. דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוָוארְן אָרֶעם, וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי שְׁטַארְבְּן. **גַּם בְּגַאֲוָה** אוֹיךְ וֶוען מֶען הָאלְט זִיךְ גְרוֹיס, **אָמְרוּ** זָאגְן די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (קִדּוּשִׁין מט:): 'סִימָן לְגַסּוּת הָרוּחַ' אַ סִימָן צוּ ווִיסְן וֶוער עֶס אִיז אַ בַּעַל גַּאֲוָה - 'עֲנִיּוּת' וֶוער עֶס אִיז אָרֶעם, **וְעַל יְדֵי צְדָקָה** און אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה - **נִתְעַשֵּׁר** וֶוערְט מֶען רַייךְ, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי וִוי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (גִּטִּין ז:):

'אִם שְׁלֵמִים וְכֵן רַבִּים וְכֵן נָגוֹזּוּ וְעָבָר וְעִנִּתִךְ לֹא אֲעַנֵּךְ', 'שׁוּב אֵין מַרְאִין לוֹ סִימָנֵי עֲנִיּוּת' אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז זַיין פַּרְנָסָה אִיז גַאנְץ, דָאס הֵייסְט עֶר פַארְדִינְט נָאר וְויפִיל עֶר דַארְף צוּם לֶעבְּן, זָאל עֶר גֶעבְּן פוּן זַיין פַארְדִינְסְט אוֹיף צְדָקָה, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן עֶר זָאל פַארְדִינֶען מֶער, אוּן אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר פַארְדִינְט מֶער וְויפִיל עֶר דַארְף פַאר זַיינֶע הוֹצָאוֹת, דַארְף עֶר אַוַודַאי גֶעבְּן צְדָקָה, אֲפִילוּ אַן אָרֶעמַאן וָואס נֶעמְט צְדָקָה דַארְף אוֹיךְ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן אוֹיבּ דֶער אָרֶעמַאן וֶועט גֶעבְּן צְדָקָה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין אַן אָרֶעמַאן; זֶעט מֶען אַז צְדָקָה מַאכְט רַייךְ, אוּן לָשׁוֹן הָרַע אוּן גַּאֲוָה - מַאכְט אָרֶעם; קוּמְט אוֹיס, אַז מֶען גֶעבְּט צְדָקָה - נֶעמְט דָאס אַוֶועק דִי זַאכְן וָואס מַאכְן אָרֶעם.

**וְזֶהוּ** דָאס אִיז וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט: 'כֵּיוָן שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר' וֶוען דֶער מָארְגְנְשְׁטֶערְן טוּט אוֹיפְשַׁיינֶען, 'נִצּוֹל מֵחַיָּה רָעָה וּמִלִּסְטִים' וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן חַיּוֹת רָעוֹת אוּן רוֹיבֶער; 'עַמּוּד הַשַּׁחַר' דֶער מָארְגְנְשְׁטֶערְן - רֶמֶז לִצְדָקָה דָאס וַוייזְט אוֹיף צְדָקָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נח, ז): 'כִּי תִרְאֶה עָרֹם וְכִסִּיתוֹ וְכוּ'' וֶוען דוּ וֶועסְט זֶען אַן אָרֶעמַאן אוּן אִים גֶעבְּן צְדָקָה - 'אָז יִבָּקַע כַּשַּׁחַר אוֹרֶךָ' וֶועט אוֹיפְשַׁיינֶען דֶער מָארְגְנְשְׁטֶערְן אוֹיף דִיר,

**'אִם שְׁלֵמִים וְכֵן רַבִּים וְכֵן נָגוֹזּוּ וְעָבָר וְעִנִּיתִךְ לֹא אֲעַנֵּךְ, שׁוּב אֵין מַרְאִין לוֹ סִימָנֵי עֲנִיּוּת.**

**וְזֶהוּ, 'כֵּיוָן שֶׁעָלָה עַמּוּד הַשַּׁחַר נִצּוֹל מֵחַיָּה רָעָה וּמִלִּסְטִים'. 'עַמּוּד הַשַּׁחַר' — רֶמֶז לִצְדָקָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ נ"ח): "כִּי תִרְאֶה עָרֹם וְכִסִּיתוֹ וְכוּ', אָז יִבָּקַע כַּשַּׁחַר אוֹרֶךָ". נִמְצָא, עַל-יְדֵי צְדָקָה נִצּוֹל מִמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁל שְׁנֵי יְסוֹדוֹת: 'חַי' 'מְדַבֵּר' שֶׁהֵם בְּחִינַת חַיָּה רָעָה וְלִסְטִים:**

**הַבְּחִינָה הַשְּׁלִישִׁית: כְּשֶׁמִּתְוַדֶּה וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי**

**נִמְצָא** זֶעט מֶען, עַל יְדֵי צְדָקָה אַז דוּרְךְ גֶעבְּן צְדָקָה, נִצּוֹל וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט, מִמִּדּוֹת רָעוֹת פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, שֶׁל שְׁנֵי יְסוֹדוֹת פוּן דִי צְוֵויי יְסוֹדוֹת, חַי מְדַבֵּר חַי אוּן מְדַבֵּר, שֶׁהֵם בְּחִינַת 'חַיָּה רָעָה וְלִסְטִים' וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה פַאר'ן צַדִּיק וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת וָואס זֶענֶען אַזוֹי וִוי שְׁלֶעכְטֶע חַיּוֹת אוּן רוֹיבֶער.

**גֶעבְּן** צְדָקָה פַאר'ן צַדִּיק אִיז בְּעִיקָּר הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיק; אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, 'רְאִיַּת פְּנֵי הַצַּדִּיק' מֵיינְט מֶען קוּקְן אִין דִי תּוֹרוֹת פוּן צַדִּיק, אַזוֹי אוֹיךְ, 'הַצְּדָקָה שֶׁנּוֹתֵן לְתַלְמִיד חָכָם' אַז מֶען גֶעבְּט גֶעלְט צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן צַדִּיק אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶעס וָואס הָאט צוּטוּן מִיט אַריינְבְּרֶענְגֶען דֶעם צַדִּיק אִין דִי וֶועלְט - וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

**זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר'ן צַדִּיק**

**הַבְּחִינָה** הַשְּׁלִישִׁית דִי דְרִיטֶע וֶועג אִין הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק - כְּשֶׁמִּתְוַדֶּה וִדּוּי דְבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם אִיז וֶוען מֶען

מאכט ודוי דברים פארן צדיק, שעל ידי זה וואס דורכדעם – התלמיד חכם מדריך אותו בדרך ישר וועט אים דער צדיק ווייזן די גלייכע וועג ווי אזוי זיך צו פירן, לפי שרש נשמתו לויט זיין שורש נשמה; ווייל יעדער איינער האט זיך זיין אייגענע וועג ווי אזוי צו דינען דעם אייבערשטן, און דער צדיק ווייזט יעדן איינעם זיין וועג לויט זיין שורש נשמה, דער צדיק לערנט אויס ווי אזוי צו לעבן מיט א קלארע אמונה, צו וויסן אז אלעס וואס פאסירט, סיי גוטס און סיי שלעכטס – איז גוט, אלעס איז פאר די טובה פון דעם מענטש.

**וזה** דאס איז וואס די גמרא זאגט: 'הגיע לפרשת דרכים' ווען מען איז אנגעקומען צום שייד וועג, איז ער אינגאנצן געראטעוועט געווארן, ואמרו חכמינו זכרונם לברכה (סוטה, שם) און ווי רש"י געבט צו פארשטיין, דאס מיינט מען 'זה תלמיד חכם ויום המיתה' דעם תלמיד חכם אין די טאג וואס ער ווערט נפטר; זה בחינת ודוי דברים לפני תלמיד חכם דאס איז מרמז מען זאל זיך מתודה זיין פארן צדיק, ווייל 'יום המיתה' רמז על ודוי יום המיתה מיינט צו זאגן דאס מתודה זיין,

**תלמיד חכם, שעל ידי זה התלמיד חכם מדריך אותו בדרך ישר לפי שרש נשמתו.**

**וזה 'הגיע לפרשת דרכים', ואמרו חכמינו, זכרונם לברכה (שם סוטה): 'זה תלמיד חכם ויום המיתה', זה בחינת ודוי דברים לפני 'תלמיד חכם'. 'יום המיתה', רמז על ודוי.**

**כמו שאמרו רבותינו, זכרונם לברכה (סנהדרין מג:): 'כל המומתין מתודין'. וזה נקרא פרשת־דרכים כי התלמיד חכם מפריש לו דרך לפי שרש נשמתו, אזי נצול מכלם.**

**כי קדם שהתודה, אף־על־פי**

ווייל ווי נאר מען נעמט אריין אין זיך די יום המיתה ווערט מען בטל צום אייבערשטן, און מען איז זיך מתודה שטענדיג צום באשעפער, ביז דער אייבערשטער העלפט אים און ווייזט אים די וועג, דעריבער דארף מען זוכן א צדיק וואס ברענגט אריין אין זיינע תלמידים זיי זאלן טראכטן פון אייביגע תכלית, טראכטן פון יום המיתה, אזוי לעבט מען א גאנץ לעבן מיט תשובה.

**דער** רבי ברענגט א ראיה, אז יום המיתה איז מרמז אויף ודוי דברים, כמו שאמרו רבותינו זכרונם לברכה אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (סנהדרין מג:): 'כל המומתין מתודין' אלע וואס שטארבן – דארפן זיך קודם מתודה זיין, וזה נקרא 'פרשת דרכים' און דאס ווערט אנגערופן די שייד וועג, כי התלמיד חכם ווייל דער צדיק, מפריש לו דרך ווייזט אים א וועג – לפי שרש נשמתו לויט זיין שורש נשמה, אזי נצול מכלם און אזוי ווערט ער געראטעוועט פון אלע שלעכטע זאכן.

**ודוי דברים, ראטעוועט**

**כי** קדם שהתודה ווייל איידער מען דערציילט דעם צדיק אלע זינד, אף

שֶׁהָיָה אֵצֶל הַתַּלְמִיד חָכָם, וְנָתַן לוֹ מָמוֹן, עֲדַיִן אֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶהוּ דֶּרֶךְ הוּא מְהַלֵּךְ, כִּי "יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי אִישׁ וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת" (מִשְׁלֵי י"ד), אֲבָל 'כְּשֶׁהִגִּיעַ לְפָרָשַׁת דְּרָכִים — זֶה תַּלְמִיד חָכָם וְיוֹם הַמִּיתָה; הַיְנוּ וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד-חָכָם, אֲזַי נִצּוֹל מִכֻּלָּם:

עַל פִּי **שֶׁהָיָה אֵצֶל** הַתַּלְמִיד חָכָם אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים צַדִּיק אוּן גֶעזֶען דֶעם פָּנִים פוּנֶעם צַדִּיק, וְנָתַן לוֹ מָמוֹן אוּן גֶעגֶעבְּן גֶעלְט פַארְן צַדִּיק - עֲדַיִן אֵינוֹ יוֹדֵעַ ווייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט, בְּאֵיזֶהוּ דֶּרֶךְ **הוּא** מְהַלֵּךְ אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג צוּ גֵיין, כִּי ווייל - (מִשְׁלֵי יד, יב): 'יֵשׁ דֶּרֶךְ יָשָׁר לִפְנֵי אִישׁ' עֶס אִיז פַארְהַאן אַ וֶועג וָואס זֶעט אוֹיס גְלַייךְ אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, 'וְאַחֲרִיתָהּ דַּרְכֵי מָוֶת' אוּן צוּם סוֹף אִיז עֶס אַ וֶועג וָואס פִירְט צוּם טוֹיט, **אֲבָל** 'כְּשֶׁהִגִּיעַ לְפָרָשַׁת דְּרָכִים' אָבֶער וֶוען מֶען קוּמְט אָן צוּם שֵׁייד וֶועג - 'זֶה תַּלְמִיד חָכָם' דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, 'וְיוֹם הַמִּיתָה' הַיְנוּ וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי תַּלְמִיד חָכָם אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן צַדִּיק - אֲזַי נִצּוֹל מִכֻּלָּם וֶוערְט מֶען פוּן אַלֶעם גֶערַאטֶעוֶועט.

**ווִי** אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט 'רְאִיַּת פְּנֵי הַצַּדִּיק' מֵיינְט מֶען דָאס לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִּיק, 'צְדָקָה לַצַּדִּיק' מֵיינְט מֶען דָאס הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּנֶעם צַדִּיק, אִיז אוֹיךְ דָאס 'וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי הַצַּדִּיק' מֵיינְט מֶען וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם צַדִּיק'ס סְפָרִים אוּן מֶען וֶוערְט נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, זָאל מֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אוֹיפְן סֵפֶר פוּן צַדִּיק, [אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען עֶפְנְט דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן אוּן מֶען מַאכְט וִדּוּי דְּבָרִים לִפְנֵי הַצַּדִּיק, מֶען טְרַאכְט 'אִיךְ רֶעד יֶעצְט צוּם צַדִּיק אוּן דֶער צַדִּיק הֶערְט מִיךְ אוֹיס', בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה מֶען בַּאקוּמְט אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁפִּירְט ווִי 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּ אִים].

ט וְזֶה בְּכָל פַּעַם שֶׁבָּא אֵצֶל תַּלְמִיד חָכָם וּמְסַפֵּר לְפָנָיו כָּל לִבּוֹ, וְהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת אַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהַחָכְמָה

### ט.

**זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין מְקוֹרָב**

**וְזֶה** אוּן דָאס אִיז, בְּכָל פַּעַם יֶעדֶעס מָאל, שֶׁבָּא **אֵצֶל** תַּלְמִיד חָכָם וָואס מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק, וּמְסַפֵּר לְפָנָיו כָּל לִבּוֹ אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְן הָאֶרֶץ, מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן; ווייל מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, נָאר מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען נָאכְאַמָאל אוּן דֶערְצֵיילְן נָאכְאַמָאל אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, וְהַתַּלְמִיד חָכָם הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה אוּן דֶער צַדִּיק אִיז אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **שֶׁהוּא** בְּחִינַת **אַיִן** עֶר הַאלְט גָארְנִישְׁט פוּן זִיךְ, עֶר אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב

מֵאַיִן תִּמָּצֵא". וְעַל יְדֵי זֶה אַתָּה נִכְלָל בָּאֵין סוֹף. וְזֶה בְּחִינַת: 'זַרְקָא דְּאִזְדְּרִיקַת לַאֲתַר דְּאִתְנְטִילַת מִתַּמָּן', שֶׁתַּחֲזִיר אֶת הַמַּלְכוּת לְאֵין סוֹף, שֶׁהוּא רָצוֹן שֶׁבְּכָל הָרְצוֹנוֹת.

כִּי הַמַּלְכוּת, שֶׁהוּא בְּחִינַת אוֹתִיּוֹת הַדִּבּוּרִים, כָּל אוֹת וָאוֹת — מְלֻבָּשׁ בָּהּ רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. שֶׁרְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָיָה, שֶׁזֹּאת הָאוֹת יִהְיֶה לָהּ תְּמוּנָה כָּזוֹ, וְאוֹת אַחֶרֶת יִהְיֶה לָהּ תְּמוּנָה אַחֶרֶת. נִמְצָא,

כח, יב): 'וְהַחָכְמָה מֵאַיִן תִּמָּצֵא' - [און פון וואַנעט קומט חָכְמָה?], נאָך אַ פְּשַׁט: 'וְהַחָכְמָה' דער צַדִּיק וואָס איז פול מיט חָכְמָה, 'מֵאַיִן תִּמָּצֵא' ביי אים ווערסטו טרעפן 'גאָרנישט', דער צַדִּיק איז ביי זיך בָּטֵל צום אייבערשטן; און אַז מען איז זיך מִתְוַדֶּה פאַר אים - וְעַל יְדֵי זֶה אַתָּה נִכְלָל בָּאֵין סוֹף איז דאָס אַזוי ווי מען איז זיך מִתְוַדֶּה פאַרן אייבערשטן. ווען אַ מענטש זינדיגט - פאַרלירט ער די אֱמוּנָה, ער שפּירט נישט ווי דער אייבערשטער הערט אים אויס, דערפאַר איז אים שווער זיך צו מִתְוַדֶּה זיין פאַרן אייבערשטן, אָבער ווען ער קומט צום צַדִּיק און ער איז זיך מִתְוַדֶּה פאַרן צַדִּיק, וואָס דאָס איז גרינגער פאַרן מענטש, ווייל ער זעט דאָך דעם צַדִּיק פאַר זיינע אויגן; וואָס טוט דער צַדִּיק דעמאָלט? ער זאָגט פאַרן אייבערשטן: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוק אָן דעם מענטש, ער רעדט צו מיר, ווייל ער זעט דיך נישט און ער שפּירט דיך נישט, הייליגער באַשעפער זאָל דאָס זיין כְּאִילוּ דער מענטש איז זיך מִתְוַדֶּה פאַר דיר אַליין'; אַזוי ווערט דער מענטש נִכְלָל אינעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

וְזֶה בְּחִינַת און דאָס איז פְּשַׁט אין די ווערטער וואָס שטייט אין זוהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקוּנִים, תִּיקוּן כא, תִּיקוּן סד): 'זַרְקָא, דְּאִזְדְּרִיקַת לַאֲתַר דְּאִתְנְטִילַת מִתַּמָּן' וואַרף צוריק די נְשָׁמָה צו די פּלאַץ פון וואו זי איז גענומען געוואָרן, דאָס מיינט מען שֶׁתַּחֲזִיר אֶת הַמַּלְכוּת זאָלסט צוריק ברענגען די מַלְכוּת - לְאֵין סוֹף צום אייבערשטן; דאָס מיינט, זאָלסט וויסן און געדענקען אַז דער אייבערשטער איז דער קעניג, און ער פירט אַלעס, שֶׁהוּא רָצוֹן שֶׁבְּכָל הָרְצוֹנוֹת און נישט וועלן קיין שום זאַך, נאָר טון די ווילן פונעם אייבערשטן.

**בַּאשַׁאפְן יֵשׁ מֵאַיִן**

**יעצט** זאָגט דער רֶבִּי, ווי אַזוי איז מען זוכה צוריק צו קערן די נְשָׁמָה צום אייבערשטן? דורכן דיבור, דורך וִדּוּי דְּבָרִים, כִּי הַמַּלְכוּת ווייל דאָס גרויסקייט פונעם אייבערשטן, שֶׁהוּא בְּחִינַת אוֹתִיּוֹת הַדִּבּוּרִים זעט מען דורך דעם דיבור, אַזוי ווי עס שטייט (תְּהִלִּים לג, ו): 'בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ' מיט די רייד פונעם אייבערשטן איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, כָּל אוֹת וָאוֹת אין יעדע איינציגסטע אות - מְלֻבָּשׁ בָּהּ ליגט אין איר רְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דאָס ווילן פונעם אייבערשטן, שֶׁרְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָיָה דער אייבערשטער האָט געוואָלט, שֶׁזֹּאת הָאוֹת אַז די אות - יִהְיֶה לָהּ תְּמוּנָה כָּזוֹ זאָל האָבן אַזאַ בילד, וְאוֹת אַחֶרֶת און אַ צווייטע אות - יִהְיֶה לָהּ תְּמוּנָה אַחֶרֶת זאָל האָבן אַ

שֶׁרְצוֹנוֹת, הַיְנוּ תְּמוּנוֹת אוֹתִיּוֹת הֵם הִתְגַּלּוּת מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

**וְכָל** אֵלּוּ הָרְצוֹנוֹת, הַיְנוּ הַתְּמוּנוֹת נִמְשָׁכִין מֵרְצוֹן אֵין סוֹף, שֶׁאֵין בּוֹ תְּמוּנָה. וְכָל הַדְּבָרִים וְהַיֵּשׁוּת שֶׁבָּעוֹלָם הֵם מֵהָאוֹתִיּוֹת, הַיְנוּ מִמַּלְכוּת, כִּי יֵשׁוּת הוּא מֵחֲמַת הַמַּלְכוּת, שֶׁרָצָה הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שֶׁיִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ בָּעוֹלָם, וְעַל יְדֵי זֶה בָּרָא אֶת הָעוֹלָם מֵאַיִן לְיֵשׁ.

**וְכָל** הָרְצוֹנוֹת, הַיְנוּ הַתְּמוּנוֹת וְכָל הַיֵּשׁוּת, הַיְנוּ בְּחִינַת מַלְכוּת מְקַבְּלִים חִיּוּתָם מֵרְצוֹן אֵין סוֹף. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מְגִלָּה לא.): 'בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא', הַיְנוּ מַלְכוּתוֹ, הַיְנוּ רְצוֹנוֹת

צְווייטֶע בִּילְד, **נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, **שֶׁרְצוֹנוֹת** אַז דִי ווילְן פוּנֶעם אייבֶּערשְׁטְן, **הַיְנוּ תְּמוּנוֹת אוֹתִיּוֹת** דָאס הֵייסְט דָאס אוֹיסְזֶעעֶן פוּן דִי אוֹתִיּוֹת – **הֵם הִתְגַּלּוּת מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ** דָאס אַנְטְפְּלֶעקְט אַז דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער קֶענִיג אוֹיף דִי וֶועלְט.

**וְכָל אֵלּוּ הָרְצוֹנוֹת** אוּן דִי אַלֶע רְצוֹנוֹת, **הַיְנוּ הַתְּמוּנוֹת** דָאס הֵייסְט דִי בִּילְדֶער ווי אַזוֹי דִי אוֹתִיּוֹת זֶעעֶן אוֹיס – **נִמְשָׁכִין מֵרְצוֹן אֵין סוֹף** קוּמְט פוּנֶעם אייבֶּערשְׁטְן, **שֶׁאֵין בּוֹ תְּמוּנָה** וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם בִּילְד, **וְכָל הַדְּבָרִים וְהַיֵּשׁוּת שֶׁבָּעוֹלָם** אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶעס וָואס אִיז דָא אִין דִי וֶועלְט, **הֵם מֵהָאוֹתִיּוֹת** אִיז דָאס פוּן דִי אוֹתִיּוֹת, **הַיְנוּ מִמַּלְכוּת** פוּנֶעם אייבֶּערשְׁטְן וָואס הָאט גֶעזָאגְט עֶס זָאל וֶוערְן אַ וֶועלְט פוּן דִי וֶוערְטֶער, פוּן דִי אוֹתִיּוֹת אִיז אַלֶעס גֶעוָוארְן, **כִּי יֵשׁוּת הוּא מֵחֲמַת הַמַּלְכוּת** ווייל אַלֶעס וָואס אִיז דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז פוּן דֶער קֶענִיג פוּן דִי וֶועלְט, **שֶׁרָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** ווייל דֶער אייבֶּערשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט, **שֶׁיִּתְגַּלֶּה מַלְכוּתוֹ בָּעוֹלָם** אַז עֶס זָאל אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן אַז עֶר אִיז דֶער פִירֶער פוּן דִי וֶועלְט, **וְעַל יְדֵי זֶה** אוּן דוּרְכְדֶעם, **בָּרָא אֶת הָעוֹלָם** הָאט דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט **מֵאַיִן** פוּן גָארְנִישְׁט, **לְיֵשׁ** צוּ אַ וֶועלְט, אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז צוּרִיק צוּ דְרֵייעֶן פוּן 'יֵשׁ' צוּ 'אַיִן', מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז יֶעדֶע 'יֵשׁ', יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּן 'אַיִן', אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא; עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיךְ דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן.

**וְכָל הָרְצוֹנוֹת** אוּן אַלֶע ווילְן, **הַיְנוּ הַתְּמוּנוֹת** דָאס הֵייסְט אַלֶע בִּילְדֶער, **וְכָל הַיֵּשׁוּת** אוּן אַלֶעס וָואס אִיז דָא אִין דֶער וֶועלְט, **הַיְנוּ בְּחִינַת מַלְכוּת** דִי גַאנְצֶע פִירֶערְשַׁאפְט, **מְקַבְּלִים חִיּוּתָם** בַּאקוּמֶען זֵייעֶר לֶעבְּן – **מֵרְצוֹן אֵין סוֹף** פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ** אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְגִלָּה לא.): **'בְּכָל מָקוֹם'** אִין יֶעדֶע פְּלַאץ, **'שֶׁאַתָּה מוֹצֵא'** וָואו דוּ טְרֶעפְסְט, **'גְּדֻלָּתוֹ'** דָאס גְרוֹיסְקֵייט, **'שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא'** פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן, **מַלְכוּתוֹ** זַיין פִירֶערְשַׁאפְט, **הַיְנוּ רְצוֹנוֹת** וָואס דָאס אִיז דִי ווילְן פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן,

'שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ', הַיְנוּ רְצוֹן אֵין סוֹף.

**וְזֶה** בְּחִינַת הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת. כִּי כְּשֶׁרוֹצֶה לְהִכָּלֵל בִּרְצוֹן אֵין סוֹף, צָרִיךְ לְבַטֵּל אֶת הַיֵּשׁוּת שֶׁלּוֹ, וְזֶהוּ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר (חֵלֶק ב' פח:), שֶׁהִסְתַּלְּקוּת מֹשֶׁה בְּשַׁבָּת בְּשַׁעְתָּא דְּמִנְחָה, שֶׁאָז הִתְגַּלּוּת רַעֲוָא דְּרַעֲוִין, שֶׁהוּא בְּחִינַת רְצוֹן אֵין סוֹף, שֶׁכָּל הָרְצוֹנוֹת מְקַבְּלִין חִיּוּתָם מִמֶּנּוּ, וְזֶה

אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז בַּיי דִי זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן - דָארְט וֶוערְט אַנְפְּלֶעקְט דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְוָואס יֶעדֶע זַאךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן, **'שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ'** דָארְט וֶועסְטוּ גֶעפִינֶען דִי עֲנָוָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הַיְנוּ** דָאס אִיז, **רְצוֹן אֵין סוֹף,** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס ווִילְן, וָואס אִיז מְחַיֶּ' וּמְהַוֶּה יֶעדֶע זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס אִיז מֶען זוֹכֶה יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר אִים אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אוֹיס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, דַאן וֶוערְט אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי מַלְכוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין אַז אַלֶעס וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז פוּנֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא.

**אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם 'אִיךְ'**

**וְזֶה בְּחִינַת** אוּן דָאס אִיז צוּ וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֶענֶען זוֹכֶה, צוּ **הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת,** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן צח, סְעִיף א): 'חֲסִידִים וְאַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה' דִי צַדִּיקִים, - "שֶׁהָיוּ מִתְבּוֹדְדִים וּמְכַוְּנִים בִּתְפִלָּתָם" בַּיים דַאוֶונֶען אוּן בַּיים מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת פְּלֶעגְן זֵיי צוּקוּמֶען צוּ אַזַא מַדְרֵגָה - 'עַד שֶׁהָיוּ מַגִּיעִים לְהִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת" אַז זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט מֶער זֵייעֶר גוּף, "וּלְהִתְגַּבְּרוּת כֹּחַ הַשִּׂכְלִי" זֵיי הָאבְן נָאר גֶעטְרַאכְט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַד שֶׁהָיוּ מַגִּיעִים קָרוֹב לְמַעֲלַת הַנְּבוּאָה" בִּיז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען כִּמְעַט צוּ וֶוערְן אַ נָבִיא, אוּן צוּ דִי מַדְרֵיגָה קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער צוּקוּמֶען אוֹיבּ מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה, אוּן דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת וָואס קוּמֶען פוּן דִי פִיר יְסוֹדוֹת, אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם. **כִּי** כְּשֶׁרוֹצֶה לְהִכָּלֵל בִּרְצוֹן אֵין סוֹף וַוייל וֶוען מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **צָרִיךְ לְבַטֵּל אֶת הַיֵּשׁוּת שֶׁלּוֹ** דַארְף מֶען אַוֶועק לֵייגְן דֶעם 'אִיךְ', מֶען דַארְף זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. **וְזֶהוּ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר** (יִתְרוֹ פח:) דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר **שֶׁהִסְתַּלְּקוּת מֹשֶׁה בְּשַׁבָּת בְּשַׁעְתָּא דְּמִנְחָה** אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, **שֶׁאָז הִתְגַּלּוּת רַעֲוָא דְּרַעֲוִין** וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן רַעֲוָא דְּרַעֲוִין, עֶס אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע צַייט וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **שֶׁהוּא בְּחִינַת רְצוֹן אֵין סוֹף שֶׁכָּל הָרְצוֹנוֹת מְקַבְּלִין חִיּוּתָם מִמֶּנּוּ** דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט קֵיין שׁוּם אַנְדֶערֶע זַאךְ, נָאר דִי אֵיין

מֵחֲמַת שֶׁבִּטֵּל מֹשֶׁה כָּל יֵשׁוּתוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ט"ז): "וְנַחְנוּ מָה".

**וְזֶה פֵּרוּשׁ:** (דְּבָרִים ל"ד): "**וַיִּקְבֹּר אוֹתוֹ בַגַּיְא**" — זֶה בְּחִינַת אַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ מ): "כָּל גֶּיא יִנָּשֵׂא". "בְּאֶרֶץ מוֹאָב" — זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת, שֶׁדָּוִד בָּא מִמּוֹאָב, שֶׁנִּסְתַּלֵּק מֹשֶׁה בְּתוֹךְ אֵין סוֹף, בְּתוֹךְ רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת, בְּתוֹךְ רַעֲוָא דְּרַעֲוִין, שֶׁהוּא בְּחִינַת רְצוֹן אֵין סוֹף, הַמְלֻבָּשׁ בִּרְצוֹנוֹת, בִּתְמוּנוֹת אוֹתִיּוֹת, בִּבְחִינַת מַלְכוּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ", הַיְנוּ מַלְכוּת בִּבְחִינַת רַעֲוִין, "שָׁם

זַאךְ - נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְזֶה** אוּן דֶערְפַאר אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע צַייט - **מֵחֲמַת שֶׁבִּטֵּל מֹשֶׁה כָּל יֵשׁוּתוֹ** וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן פַאר גָארְנִישְׁט, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת טז, ז): **'וְנַחְנוּ מָה'** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט, אוּן מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט.

**וֶועלְן נָאר טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**יֶעצְט** בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַ רְאָיָ' אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן בַּיי זַיין הִסְתַּלְּקוּת צוּ נִכְלָל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט (דְּבָרִים לד, ו): **'וַיִּקְבֹּר אוֹתוֹ בַגַּיְא'** מֶען הָאט בַּאגְרָאבְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִינֶעם טָאל, **זֶה בְּחִינַת אַיִן** דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי מִדָּה פוּן 'גָארְנִישְׁט', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מ, ד): **'כָּל גֶּיא'** אַ יֶעדֶע טָאל - **'יִנָּשֵׂא'** וֶועט וֶוערְן דֶערְהוֹיבְּן; זֶעט מֶען אַז אַ 'טָאל' אִיז אַ פְּלַאץ וָואס הַאלְט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְנִידֶערְט, דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן בַּיי זַיין הִסְתַּלְּקוּת, צוּ וֶוערְן בָּטֵל וּמְבוּטָּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**'בְּאֶרֶץ מוֹאָב'** אוּן פַארְוָואס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ בַּאעֶרְדִיגְט אִין אֶרֶץ מוֹאָב? וַוייל מוֹאָב - **זֶה בְּחִינַת מַלְכוּת** אִיז מְרֻמָּז אוֹיף מַלְכוּת, **שֶׁדָּוִד בָּא מִמּוֹאָב** וַוייל דָוִד הַמֶּלֶךְ שְׁטַאמְט פוּן מוֹאָב, **שֶׁנִּסְתַּלֵּק מֹשֶׁה** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן בַּיי זַיין הִסְתַּלְּקוּת צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה, פוּן נִכְלָל וֶוערְן - **בְּתוֹךְ אֵין סוֹף** אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז דִי הוֹיכְע מַדְרֵיגָה פוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר אֵיין ווִילְן, **בְּתוֹךְ רָצוֹן שֶׁבָּרְצוֹנוֹת, בְּתוֹךְ רַעֲוָא דְּרַעֲוִין** נָאר וֶועלְן טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **שֶׁהוּא בְּחִינַת רְצוֹן אֵין סוֹף הַמְלֻבָּשׁ בִּרְצוֹנוֹת** וָואס דָאס אַלֵיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל נָאר נִכְלָל וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיין אִיז אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **בִּתְמוּנוֹת אוֹתִיּוֹת** אַזוֹי אוֹיךְ אִין יֶעדֶע אוֹת אוּן אִין יֶעדֶע בִּילְד אִיז דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **בִּבְחִינַת מַלְכוּת** אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶענִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ** אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִלָּה לא.): **'בְּכָל מָקוֹם'** אִין יֶעדֶע פְּלַאץ, **'שֶׁאַתָּה מוֹצֵא'** וואו דוּ טְרֶעפְסְט, **'גְּדֻלָּתוֹ'** דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הַיְנוּ מַלְכוּת**, **בְּחִינַת רַעֲוִין** דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **'שָׁם אַתָּה מוֹצֵא'**

דָארְט װעסְטוּ געפִינֶען די עֲנָוָה פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, און עֲנָוָה איז **רַעֲוָא** ווילן, רְצוֹן אֵין סוֹף דָאס ווילְן פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, צוּ די מַדְרֵיגָה הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען, 'וַיִּקְבֹּר אוֹתוֹ בַּגַּיְא' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ איז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ 'גַיְא' - עֲנָוָה, 'בְּאֶרֶץ מוֹאָב' - דָאס איז די מַלְכוּת, דוּרְךְ בִּיטוּל צוּם אײבֶּערְשְׁטְן איז מֶען מַעֲלֶה די מַלְכוּת, בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּ די הוֹיכְע מַדְרֵיגָה פוּן רָצוֹן שֶׁבִּרְצוֹנוֹת, װעלְכֶן נָאר די ווילְן פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן; וַוייל ווי מֶער דֶער מֶענְטְשׁ זוּכְט אוֹיף דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, עֶר בֶּעט און בֶּענְקְט צוּ אִים - אַלְץ מֶער איז עֶר זוֹכֶה אַז עֶס שַׁיינְט אוֹיף אִים די לִיכְטִיגְקֵייט פוּן רָצוֹן שֶׁבִּרְצוֹנוֹת.

- אַנְטְלוֹיפְט זי, כִּי כְּשֶׁפּוֹגְמִין בְּמַלְכוּת וַוייל װען מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, אֲזַי יֵשׁ לוֹ כֹּחַ הָאט עֶר אַ כֹּחַ, לִפְעֹר פִּיו בְּצֵרוּפִים רָעִים צוּ עֶפֶענֶען דָאס מוֹיל און רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס, אֲבָל מֹשֶׁה אָבֶּער מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, שֶׁתִּקֵּן מִדַּת הַמַּלְכוּת הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארֶעכְטְן די מַלְכוּת, עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט און מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר אַלֶעמֶען אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס און טוּט אַלֶעס, עַל יְדֵי זֶה לֹא הָיָה יְכֹלֶת בְּיַד פְּעוֹר לִפְעֹר פִּיו מִמֵּילָא הָאט די עֲבוֹדָה זָרָה זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אִים.

**וְזֶה** און דָאס איז וָואס עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים לד, ו): '**וְלֹא יָדַע אִישׁ**' קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ

**אַתָּה מוֹצֵא" רַעֲוָא, רְצוֹן אֵין סוֹף.**

**וְזֶה "מוּל בֵּית פְּעוֹר", כִּי אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (מִדְרַשׁ אַגָּדָה; מוּבָא בְּתוֹסְפוֹת סוֹטָה יד:)**: 'לָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ פְּעוֹר — עַל שֵׁם שֶׁפּוֹעֵר פִּיו', כִּי כְּשֶׁפּוֹגְמִין בְּמַלְכוּת, אֲזַי יֵשׁ לוֹ כֹּחַ לִפְעֹר פִּיו בְּצֵרוּפִים רָעִים, אֲבָל מֹשֶׁה שֶׁתִּקֵּן מִדַּת הַמַּלְכוּת, עַל־יְדֵי זֶה לֹא הָיָה יְכֹלֶת בְּיַד פְּעוֹר לִפְעֹר פִּיו. וְזֶה: "וְלֹא יָדַע אִישׁ", אֲפִלּוּ מֹשֶׁה לֹא יָדַע, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (סוֹטָה יד)**, כִּי נִתְבַּטֵּל לְגַבֵּי אֵין סוֹף.**

**די קְלִיפָּה פוּן פְּעוֹר**

**וְזֶה** '**מוּל בֵּית פְּעוֹר**' און דֶערִיבֶּער לִיגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַנְטְקֶעגְן די עֲבוֹדָה זָרָה פוּן בֵּית פְּעוֹר, **כִּי אָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** וַוייל די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מִדְרַשׁ אַגָּדָה, װערְט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין תּוֹסְפוֹת, סוֹטָה יד.): '**לָמָּה נִקְרָא שְׁמוֹ פְּעוֹר**' פַארְוָואס הֵייסְט די עֲבוֹדָה זָרָה בֵּית פְּעוֹר? '**עַל שֵׁם שֶׁפּוֹעֵר פִּיו**', וַוייל די קְלִיפָּה ווִיל כְּסֵדֶר עֶפֶענֶען די מוֹיל רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, און װען עֶר זֶעט דֶעם קֶבֶר פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ

מֹשֶׁה רַבֵּינוּ לִיגְט בַּאעֶרְדִיגְט, '**אֲפִלּוּ מֹשֶׁה לֹא יָדַע**' אֲפִילוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין וַוייסְט אוֹיךְ נִישְׁט, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אַזוֹי ווי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה יד.) אוֹיפְן פָּסוּק 'וְלֹא יָדַע אִישׁ', אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וַוייסְט אוֹיךְ נִישְׁט וואוּ עֶר לִיגְט, **כִּי נִתְבַּטֵּל לְגַבֵּי אֵין סוֹף** וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל גֶעוֶוען צוּם אײבֶּערְשְׁטְן - אַז עֶר איז נִכְלָל גֶעוָוארְן אִינֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, און דֶערִיבֶּער הָאט עֶר

גֶעקֶענְט שְׁרַייבְּן אִין דִי תּוֹרָה 'וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה', 'וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה'; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן זִיךְ, בַּיי אִים אִיז גֶעוֶוען אַלֶעס אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר דִי כֹּחַ צוּ מְבַטֵּל זַיין דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר.

**וְכָל** זֶה הָיָה בְּמוֹתוֹ און דָאס אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען בַּיי זַיין הִסְתַּלְּקוּת; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען נִכְלָל צוּ וֶוערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, **אֲבָל בְּוַדַּאי גַּם בְּחַיָּיו הָיָה לוֹ הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת** אָבֶּער אַוַדַאי בַּיים לֶעבְּן הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי דִי מַדְרֵיגָה, **וְהָיָה מְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ** עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט, **בְּאוֹר אֵין סוֹף** אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲבָל הַהִתְפַּשְּׁטוּת הָיָה** אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן, ווייל כָּל זְמַן מֶען לֶעבְּט, דַארְף מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיטְן גוּף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל מִיר זָאלְן לֶעבְּן, מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְגֵיין צוּ אִים פוּן דְבֵיקוּת, **בִּבְחִינַת** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל א, יד): **'וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב'** דִי מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען 'חַיּוֹת' - זֵיי לוֹיפְן טוּן דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און נָאכְדֶעם קֶערְן זֵיי זִיךְ צוּרִיק, אַזוֹי אוֹיךְ כָּל זְמַן מִיר לֶעבְּן - דַארְפְן מִיר זִיךְ צוּרִיק קֶערְן און נִישְׁט זִיךְ לָאזְן אוֹיסְגֵיין, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ מִיטְן גוּף, **כִּי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא רוֹצֶה בַּעֲבוֹדָתֵנוּ** וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְזֶער עֲבוֹדָה, **כְּמוֹ שֶׁאוֹמְרִים** אַזוֹי ווִי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען (רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְיוֹם כִּפּוּרִים): **'וְאָבִיתָ תְּהִלָּה'** און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אַ לוֹיבּ, **'מִגּוּשֵׁי עָפָר'** פוּן שְׁטִיקֶער עֶרְד, **'מִקְּרוּצֵי חֹמֶר'** און פוּן אוֹיסְגֶעפָארֶעמְטֶע לֵיים, **וּבִשְׁבִיל זֶה** און דֶערְפַאר, **צָרִיךְ שֶׁלֹּא יִשָּׁאֵר כֵּן** קֶען מֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט דִי דְבֵיקוּת, **אֶלָּא עַד עֵת שֶׁיָּבוֹא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעַצְמוֹ וְיִטֹּל נִשְׁמָתוֹ** נָאר וַוארְטְן בִּיז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּרִיק נֶעמֶען דִי נְשָׁמָה.

**וְכָל זֶה הָיָה בְּמוֹתוֹ, אֲבָל בְּוַדַּאי גַּם בְּחַיָּיו הָיָה לוֹ הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת, וְהָיָה מְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּאוֹר אֵין סוֹף, אֲבָל הַהִתְפַּשְּׁטוּת הָיָה בִּבְחִינַת: וְהַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב. כִּי הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא רוֹצֶה בַּעֲבוֹדָתֵנוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'וְאָבִיתָ תְּהִלָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר, מִקְּרוּצֵי חֹמֶר', וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ שֶׁלֹּא יִשָּׁאֵר כֵּן, אֶלָּא עַד עֵת שֶׁיָּבוֹא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעַצְמוֹ וְיִטֹּל נִשְׁמָתוֹ.**

**וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים, שֶׁלִּפְעָמִים נִתְלַהֵב אָדָם בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה וְאוֹמֵר כַּמָּה תֵּבוֹת בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, זֶה בְּחֶמְלַת ה' עָלָיו, שֶׁנִּפְתַּח לוֹ אוֹר אֵין סוֹף**

### אוֹיפְגֶעפְלַאמְט בַּיים דַאוֶוענֶען

**וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים** און דָאס וָואס מִיר זֶעעֶן, **שֶׁלִּפְעָמִים** אַז צוּמָאל, **נִתְלַהֵב אָדָם** וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּפֵייעֶרְט, **בְּתוֹךְ הַתְּפִלָּה** אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, **וְאוֹמֵר** און עֶר זָאגְט, **כַּמָּה תֵּבוֹת** אַפָּאר וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען **בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל** מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען, **זֶה** דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם, **בְּחֶמְלַת ה' עָלָיו** וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אִים

וְהֵאִיר לוֹ. וּכְשֶׁרוֹאֶה אָדָם הַהִתְנוֹצְצוּת הַזֹּאת, אַף־עַל־גַּב דְּאִיהוּ לָא חָזֵי מַזְּלֵיהּ חָזֵי (מְגִלָּה ג.), תֵּכֶף נִתְלַהֵב נִשְׁמָתוֹ לִדְבֵקוּת גָּדוֹל, לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּאוֹר אֵין סוֹף, וּכְשִׁעוּר הִתְגַּלּוּת אֵין סוֹף, לְפִי מִנְיַן הַתֵּבוֹת שֶׁנִּפְתְּחוּ וְהִתְנוֹצְצוּ, כָּל אֵלּוּ הַתֵּבוֹת אוֹמֵר בִּדְבֵקוּת גָּדוֹל וּבִמְסִירַת נַפְשׁוֹ וּבְבִטּוּל כֹּחוֹתָיו.

**וּבְשָׁעָה** שֶׁנִּתְבַּטֵּל לְגַבֵּי אֵין סוֹף, אֲזַי הוּא בִּבְחִינַת: "וְלֹא יָדַע אִישׁ", שֶׁאֲפִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ יוֹדֵעַ מֵעַצְמוֹ.

**אֲבָל** זֹאת הַבְּחִינָה צָרִיךְ לִהְיוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב, כְּדֵי שֶׁיִּתְקַיֵּם יֵשׁוּתוֹ.

**נִמְצָא** כְּשֶׁהוּא בִּבְחִינַת וָשׁוֹב, אֲזַי צָרִיךְ לְהַרְאוֹת גַּם

---

רַחְמָנוּת, **שֶׁנִּפְתַּח לוֹ** אַז עֶס עֶפְנְט זִיךְ אִים - **אוֹר אֵין סוֹף** אַ לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְהֵאִיר לוֹ** און עֶס שַׁיינְט אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט; וָואס דָאס אִיז דִי זִיסְטֶע און אַיינְגֶענֶעמְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וּכְשֶׁרוֹאֶה אָדָם הַהִתְנוֹצְצוּת הַזֹּאת** און וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זֶעט וִוי עֶס שַׁיינְט אִים אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, **'אַף עַל גַּב דְּאִיהוּ לָא חָזֵי'** אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פוּן וואוּ דָאס קוּמְט און וָואס דָאס אִיז, **'מַזְּלֵיהּ חָזֵי'** (מְגִלָּה ג.) וַוייסְט עֶר אָבֶּער אַז דָאס אִיז זַיין נְשָׁמָה, **תֵּכֶף נִתְלַהֵב נִשְׁמָתוֹ לִדְבֵקוּת גָּדוֹל** וָואס וֶוערְט אַזוֹי אוֹיפְגֶעפְלַאמְט, **לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּאוֹר אֵין סוֹף** זִיךְ צוּ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וּכְשִׁעוּר הִתְגַּלּוּת אֵין סוֹף** און לוֹיט וִויפִיל עֶר שְׁפִּירְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **לְפִי מִנְיַן הַתֵּבוֹת שֶׁנִּפְתְּחוּ וְהִתְנוֹצְצוּ** לוֹיט וִויפִיל וֶוערְטֶער עֶס שַׁיינְט אִים - **כָּל אֵלּוּ הַתֵּבוֹת אוֹמֵר בִּדְבֵקוּת גָּדוֹל** זָאגְט עֶר דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ גְרוֹיסֶע בֶּענְקְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וּבִמְסִירַת נַפְשׁוֹ** מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, **וּבְבִטּוּל כֹּחוֹתָיו** און מִיטְן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין.

**וּבְשָׁעָה שֶׁנִּתְבַּטֵּל לְגַבֵּי אֵין סוֹף** און וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַבִּיסְל דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲזַי הוּא בִּבְחִינַת** קֶען דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי בִּיטוּל פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט: **'וְלֹא יָדַע אִישׁ'** קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ עֶר לִיגְט, **שֶׁאֲפִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ יוֹדֵעַ מֵעַצְמוֹ** אַז אֲפִילוּ עֶר אַלֵיין וֵוייסְט אוֹיךְ נִישְׁט.

**וֶוען מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק**

**אֲבָל זֹאת הַבְּחִינָה** אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי דִי בִּיטוּל, נָאר מֶען דַארְף צוּרִיק קוּמֶען, **צָרִיךְ לִהְיוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב** מֶען דַארְף לוֹיפְן אָבֶּער אוֹיךְ זִיךְ צוּרִיק קֶערְן, **כְּדֵי שֶׁיִּתְקַיֵּם יֵשׁוּתוֹ** צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן.

**נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, **כְּשֶׁהוּא בִּבְחִינַת וָשׁוֹב** אַז אִין דִי צַייט וָואס מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק פוּן דִי דְבֵיקוּת, אִיז דָאס נִישְׁט וִוי פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן אִין גַשְׁמִיּוּת, נָאר **אֲזַי צָרִיךְ לְהַרְאוֹת גַּם לְדַעְתּוֹ** מֶען דַארְף אוֹיךְ וַוייזְן פַארְן דַעַת - וָואס מֶען הָאט

לְדַעְתּוֹ. כִּי מִתְּחִלָּה, בִּשְׁעַת דְּבֵקוּת הָיָה נִתְבַּטֵּל הַדַּעַת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְלֹא יָדַע אִישׁ", וּכְשֶׁהוּא בִּבְחִינַת וָשׁוֹב, שֶׁשָּׁב (לְדַעְתּוֹ) לְיֵשׁוּתוֹ, אָז שָׁב לְדַעְתּוֹ, וּכְשֶׁשָּׁב לְדַעְתּוֹ, אָז הוּא יוֹדֵעַ אַחְדוּת הָאֵין סוֹף וְטוּבוֹ, וַאֲזַי אֵין חִלּוּק בֵּין ה' לֵאלֹהִים, בֵּין מִדַּת הַדִּין לְמִדַּת הָרַחֲמִים.

כִּי בְּאֵין סוֹף אֵין שַׁיָּךְ, חַס וְשָׁלוֹם, שִׁנּוּי רָצוֹן, כִּי הַשִּׁנּוּיִים אֵינוֹ אֶלָּא בְּשִׁנּוּי הַתְּמוּנוֹת, אֲבָל עַל־יְדֵי הַדְּבֵקוּת שֶׁל אָדָם בְּאֵין סוֹף, שֶׁשָּׁם אֵין שִׁנּוּי רָצוֹן, כִּי שָׁם רָצוֹן פָּשׁוּט, וְאַחַר־כָּךְ נִשְׁאָר בּוֹ רְשִׁימוּ מֵאַחְדוּת הַזֹּאת, וְאַחַר־כָּךְ נַעֲשֶׂה בִּבְחִינַת וָשׁוֹב, אֲזַי הָרְשִׁימוּ מַרְאֶה לָדַעַת, שֶׁיֵּדַע שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב וְכֻלּוֹ אֶחָד:

מַשִּׂיג געווען, כִּי מִתְּחִלָּה בִּשְׁעַת דְּבֵקוּת הָיָה נִתְבַּטֵּל הַדַּעַת ווייל ווען מען איז געווען אין דביקות האט מען נישט געהאט קיין דעת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אזוי ווי עס שטייט 'וְלֹא יָדַע אִישׁ' קיין שום מענטש האט נישט געוואוסט, און ווי דער רבי האט ערקלערט דעם מאמר חז"ל אויף דעם פסוק, אז אפילו משה רבינו האט אויך נישט געוואוסט, וויבאלד ער האט זיך אינגאנצן מבטל געווען צום אייבערשטן, וּכְשֶׁהוּא בִּבְחִינַת וָשׁוֹב, שֶׁשָּׁב (לְדַעְתּוֹ) לְיֵשׁוּתוֹ אבער ווען מען קערט זיך צוריק פון די דביקות, אָז שָׁב לְדַעְתּוֹ קערט מען זיך צוריק צום דעת, וּכְשֶׁשָּׁב לְדַעְתּוֹ און ווען מען באקומט דעם דעת - אָז הוּא יוֹדֵעַ דעמאלט ווייסט מען, אַחְדוּת הָאֵין סוֹף וְטוּבוֹ אז דער אייבערשטער איז אלעס און ער טוט נאר גוטס, וַאֲזַי אֵין חִלּוּק בֵּין ה' לֵאלֹקִים און דעמאלט איז נישט קיין חילוק צווישן שם הַוַיָ"ה און שם אֱלֹקִים, בֵּין מִדַּת הַדִּין ווען עס איז שלעכט, לְמִדַּת הָרַחֲמִים אדער גוט. כִּי בְּאֵין סוֹף אֵין שַׁיָּךְ חַס וְשָׁלוֹם שִׁנּוּי רָצוֹן ווייל ווען דער מענטש איז בטל צום אייבערשטן - איז ביי אים נישטא קיין חילוק ווען עס איז גוט אדער נישט גוט, כִּי הַשִּׁנּוּיִים ווייל דאס וואס עס טוישט זיך פון גוט צו שלעכט, אֵינוֹ אֶלָּא בְּשִׁנּוּי הַתְּמוּנוֹת דאס איז נאר פאר אונזערע אויגן, אֲבָל אבער דאך טוט עס אויף; עַל יְדֵי הַדְּבֵקוּת שֶׁל אָדָם בְּאֵין סוֹף ווען מען איז צוגעקלעבט צום אייבערשטן, שֶׁשָּׁם אֵין שִׁנּוּי רָצוֹן דארט איז אלעס גוט, כִּי שָׁם רָצוֹן פָּשׁוּט דארט איז נאר דא די ווילן פון באשעפער, וְאַחַר כָּךְ ווען מען קערט זיך צוריק פון די דביקות, נִשְׁאָר בּוֹ בלייבט אין אים רְשִׁימוּ א צייכן פון ליכטיגקייט, מֵאַחְדוּת הַזֹּאת פון דעם וואס ער האט פריער געשפירט ווי אלעס איז איינס, נאר אייבערשטער, וְאַחַר כָּךְ נַעֲשֶׂה בִּבְחִינַת וָשׁוֹב און ווען מען קערט זיך צוריק, אֲזַי הָרְשִׁימוּ די צייכן וואס איז געבליבן, מַרְאֶה לָדַעַת געבט אים צו פארשטיין, שֶׁיֵּדַע ער זאל וויסן, שֶׁכֻּלּוֹ טוֹב אז אלעס איז גוט, וְכֻלּוֹ אֶחָד און אלעס איז איינס, וואס דאס איז דער עיקר תַּכְלִית צו וואס דער מענטש דארף וועלן צוקומען.

וְזֶה שֶׁאָמַר מֹשֶׁה לְדוֹרוֹ (דְּבָרִים ד): "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹהִים". כִּי מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת אַיִן, וְדוֹרוֹ הַדְּבוּקִים אֵלָיו רָאוּי לָהֶם לָדַעַת, הַיְנוּ לְהָאִיר לַדַּעַת, בְּחִינַת אֵין סוֹף, בְּחִינַת רַעֲוָא דְּרַעֲוִין, בְּחִינַת: ה' הוּא הָאֱלֹהִים:

וְזֶה פֵּרוּשׁ: אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָא: זִימְנָא חֲדָא הֲוָה קָאָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא, וַחֲזִינַן הַהוּא כַּוְרָא דְּיָתְבָא לֵיהּ אָכְלָה טִינָא בְּאוּסְיֵהּ, וְאִידְחוּהוּ מַיָּא, וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא, וַחֲרוּב מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי, וְאָכְלוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי, וּמָלְחוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין

**דִּין און רַחֲמִים**

וְזֶה שֶׁאָמַר מֹשֶׁה לְדוֹרוֹ און דָאס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט פַאר זַיין דוֹר (דְּבָרִים ד, לה): 'אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת, כִּי ה', אַז שֵׁם הַוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, שֵׁם הָרַחֲמִים - 'הוּא הָאֱלֹהִים' אִיז דִי זֶעלְבֶּע ווִי שֵׁם אֱלֹקִים, דִין; עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין חִילוּק צְווִישְׁן דִין און רַחֲמִים, דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס פִירְט זִיךְ מִיט רַחְמָנוּת אָדֶער מִיט דִינִים - אִיז דֶער זֶעלְבֶּער אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, כִּי מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת אַיִן ווַייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְדוֹרוֹ הַדְּבוּקִים אֵלָיו און דִי אִידְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מִיט דִי דְרֵיי ווֶעגְן, רְאִיַּת פְּנֵי הַצַּדִּיק, גֶעבְּן צְדָקָה און וִדּוּי דְּבָרִים - רָאוּי לָהֶם לָדַעַת הָאבְּן אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן אַז סַיי דִין און סַיי רַחֲמִים אִיז אַלֶעס נָאר לְטוֹבָה, הַיְנוּ לְהָאִיר לַדַּעַת זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ לִיכְטִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד, בְּחִינַת אֵין סוֹף צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּחִינַת רַעֲוָא דְּרַעֲוִין און גָארְנִישְׁט ווֶעלְן נָאר אֵיין זַאךְ, טוּן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּחִינַת 'ה' הוּא הָאֱלֹהִים' ווִיסְן אַז אֲפִילוּ ווֶען עֶס אִיז דָא דִינִים, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי שְׁלֶעכְט - אִיז דָאס נָאר רַחֲמִים.

**רַבָּה בַּר בַּר חָנָא**

וְזֶה פֵּרוּשׁ, 'אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָא' רַבָּה בַּר בַּר חָנָא הָאט גֶעזָאגְט, 'זִימְנָא חֲדָא' אֵיינְמָאל, 'הֲוָה קָאָזְלִינַן בִּסְפִינְתָּא' בִּין אִיךְ גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף, 'וַחֲזִינַן' און אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, 'הַהוּא כַּוְרָא' אַ פִישׁ, 'דְּיָתְבָא לֵיהּ' וָואס אִיז אִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, 'אָכְלָה טִינָא' אַ קְלֵיינֶע קְרִיכֶער, 'בְּאוּסְיֵהּ' אִין זַיינֶע נָאז לֶעכֶער, און דִי פִישׁ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, 'וְאִידְחוּהוּ מַיָּא' און דִי וַואסֶער הָאט אִיר אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט, 'וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא' און אִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן אוֹיף דִי טְרִיקֶענִישׁ, 'וַחֲרוּב מִינֵּיהּ' און דִי טוֹיטֶע פִישׁ הָאט חָרוּב גֶעמַאכְט, 'שִׁיתִּין מְחוֹזֵי' זֶעכְצִיג שְׁטֶעט; דִי וַואסֶער הָאט אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן דִי פִישׁ אוֹיף זֶעכְצִיג שְׁטֶעט, 'וְאָכְלוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי' און זֶעכְצִיג שְׁטֶעט הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן דִי פִישׁ; זֶעכְצִיג אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט, נִישְׁט דִי שְׁטֶעט וָואס זֶענֶען חָרוּב גֶעוָוארְן. 'וּמָלְחוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי' און אַנְדֶערֶע זֶעכְצִיג שְׁטֶעט זֶענֶען גֶעקוּמֶען און גֶעזַאלְצְן דִי

פִּישׁ, 'וּמָלְאוּ מֵחַד גַּלְגַּלָּא דְעֵינָא' אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפִילְט פוּן אֵיין אוֹיג – 'תְּלָת מְאָה' דְרַיי הוּנְדֶערְט 'גַּרְבֵּי מִשְׁחָא' פֶּעסֶער אוֹיל, 'וְכִי הַדְרָן' אוּן וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען, 'לְבָתַר תְּרֵיסַר יַרְחֵי שַׁתָּא' נָאךְ צְוֶועלְף חֳדָשִׁים, 'חֲזֵינָן' הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען, 'דְּהָוָה קָא מְנַסְרֵי' אַז זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁנִיטְן, 'מִגַּרְמֵיהּ' פוּן דִי בֵּיינֶער, 'מְטַלַּלְתָּא' בַּאלְקָאנֶען, 'וִיהָבֵי לְמִבְנִינְהוּ' אוּן מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוֹיעֶן, 'הַנָךְ מְחוֹזֵי' דִי שְׁטֶעט וָואס דִי פִישׁ הָאט חָרוּב גֶעמַאכְט (בָּבָא בַּתְרָא עג:).

רַשְׁבַּ"ם:

**כַּוְרָא.** דָּג: **אָכְלָא טִינָא.** שֶׁרֶץ קָטָן: **בְּאוּסְיֵהּ.** בִּנְחִירָיו שֶׁל דָּג נִכְנַס הַשֶּׁרֶץ: **וְאִידְחוּהוּ מַיָּא.** הִדִּיחוּהוּ הַמַּיִם וְהִשְׁלִיכוּהוּ לַיַּבָּשָׁה כְּדֶרֶךְ יָם, שֶׁאֵינוֹ סוֹבֵל דָּבָר מֵת: **חָרְבוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי.** שֶׁהִשְׁלִיכוּהוּ הַמַּיִם עַל שִׁשִּׁים כְּרַכִּים וְשִׁבְּרָן כֻּלָּם, שֶׁהָיָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ: **וְאָכְלוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי.** בְּעוֹדֶנּוּ לַח: **וּמָלְחוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי.** אֲחֵרִים, שֶׁהָיוּ רְחוֹקִין מִשָּׁם, מָלְחוּ מִינֵּיהּ וּנְשָׂאוּהוּ לִמְקוֹמָן: **מֵחַד גַּלְגַּלָּא דְעֵינָא.** מְגַלְגֵּל עֵינוֹ לָקְחוּ שֶׁמֶן תְּלָת מֵאָה גַּרְבֵּי: **הָוָה מְנַסְרֵי.** לִבְנוֹת מֵעַצְמוֹת הַדָּג אוֹתָן מְחוֹזֵי שֶׁהִפִּיל:

**מְחוֹזֵי, וּמָלְאוּ מֵחַד גַּלְגַּלָּא דְעֵינָא תְּלָת מְאָה גַּרְבֵּי מִשְׁחָא. וְכִי הַדְרָן לְבָתַר תְּרֵיסַר יַרְחֵי שַׁתָּא, חֲזֵינָן דְּהָוָה קָא מְנַסְרֵי מִגַּרְמֵיהּ מְטַלַּלְתָּא, וִיהָבֵי לְמִבְנִינְהוּ הַנָךְ מְחוֹזֵי** (בָּבָא בַּתְרָא עג:):

רַשְׁבַּ"ם:

**כַּוְרָא** דָּג: **אָכְלָא טִינָא** שֶׁרֶץ קָטָן: **בְּאוּסְיֵהּ** בִּנְחִירָיו שֶׁל דָּג נִכְנַס הַשֶּׁרֶץ: **וְאִידְחוּהוּ מַיָּא** הִדִּיחוּהוּ הַמַּיִם וְהִשְׁלִיכוּהוּ לַיַּבָּשָׁה כְּדֶרֶךְ יָם, שֶׁאֵינוֹ סוֹבֵל דָּבָר מֵת: **חָרְבוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי** שֶׁהִשְׁלִיכוּהוּ הַמַּיִם עַל שִׁשִּׁים כְּרַכִּים וְשִׁבְּרָן כֻּלָּם, שֶׁהָיָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ: **וְאָכְלוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי** בְּעוֹדֶנּוּ לַח: **וּמָלְחוּ מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזֵי** אֲחֵרִים, שֶׁהָיוּ רְחוֹקִין מִשָּׁם, מָלְחוּ מִינֵּיהּ וּנְשָׂאוּהוּ לִמְקוֹמָן: **מֵחַד גַּלְגַּלָּא דְעֵינָא** מְגַלְגֵּל עֵינוֹ לָקְחוּ שֶׁמֶן תְּלָת מֵאָה גַּרְבֵּי: **הָוָה** מְנַסְרֵי לִבְנוֹת מֵעַצְמוֹת הַדָּג אוֹתָן מְחוֹזֵי שֶׁהִפִּיל:

**פֵּרוּשׁ** יֶעצְט גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִין דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ה), רַבָּה בַּר בַּר חָנָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: 'מַדּוּעַ' פַארְוָואס, 'אֵינוֹ מֵשִׂים לֵב לְהַמַּאֲמָרִים שֶׁלוֹ' עֶר לֵייגְט נִישְׁט צוּ הַארְץ צוּ זַיינֶע וֶוערְטֶער, 'וּבִקֵּשׁ אוֹתוֹ עַל זֶה שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ עֲלֵיהֶם' עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל צוּלֵייגְן הַארְץ צוּ זַיינֶע וֶוערְטֶער, 'וְהוּא יְגַלֶּה לוֹ בָּהֶם חִדּוּשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים' אוּן עֶר וֶועט אִים אַנְטְפְּלֶעקְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן.

**מַמְלִיךְ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

**סְפִינָה** דָאס וָוארְט סְפִינָה – לְשׁוֹן חֲשִׁיבוּת אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן חֲשִׁיבוּת, (אַזוֹי וִוי אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אוֹיבְּן אִין סִימָן א', לָשׁוֹן סָפוּן וְחָשׁוּב וְכוּ'), בְּחִינַת

**פֵּרוּשׁ:** סְפִינָה – לְשׁוֹן חֲשִׁיבוּת, בְּחִינַת מַלְכוּת.

**שֶׁרַבָּה בַּר בַּר חָנָא חָקַר בְּשִׂכְלוֹ אוֹדוֹת הַמַּלְכוּת, אֵיךְ בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מַעֲלִין אוֹתָהּ.**

**וַחֲזִינָן הַאי כַּוְרָא** - יִשְׂרָאֵל מְכֻנִּין בְּשֵׁם דָּגִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בְּרֵאשִׁית מ"ח): "וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ". דְּיַתְבֵי לֵיהּ אָכְלָא טִינָא בִּנְחִירָיו — זֶה בְּחִינַת תְּפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ מ"ח): "וּתְהִלָּתִי אֶחֱטָם לָךְ",

**שֶׁנִּתְעָרֵב שֶׁרֶץ, הַיְנוּ טֻמְאָה בִּתְפִלָּתוֹ וַעֲבוֹדָתוֹ וּבִלְבֵּל אוֹתוֹ. וְלֹא הָיָה יָכוֹל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הַזֶּה לַעֲבֹד עֲבוֹדָתוֹ תַּמָּה. מֶה עָשָׂה הָאִישׁ הַזֶּה?**

מַלְכוּת דָאס מֵיינְט מֶען דִי מַלְכוּת וָואס אִיז אַ חָשׁוּבְ'עֶ זַאךְ, **שֶׁרַבָּה בַּר בַּר חָנָא חָקַר בְּשִׂכְלוֹ** רַבָּה בַּר בַּר חָנָא הָאט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין, **אוֹדוֹת הַמַּלְכוּת** וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין שֵׁיין צוּ מַאכְן דִי מַלְכוּת וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן בַּיי דִי קְלִיפּוֹת אוּן דָאס צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט; מֶען רֶעדְט פוּן אַלֶעמֶען, אוֹיסֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֵיךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מַעֲלִין אוֹתָהּ** וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אוֹיפְהֵייבְּן דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמְלִיךְ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט?

**'וַחֲזִינָן'** אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען, **'הַאי כַּוְרָא'** אַ פִישׁ, דָאס מֵיינְט מֶען - **יִשְׂרָאֵל** דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **מְכֻנִּין** וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן, **בְּשֵׁם דָּגִים** מִיטְן נָאמֶען 'פִישׁ', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מח, טז): **'וְיִדְגּוּ לָרֹב'** אוּן זֵיי זָאלְן זִיךְ פַארְמֶערְן אַזוֹי וִוי דִי פִישׁ, **'בְּקֶרֶב הָאָרֶץ'** אִינֶעם לַאנְד; זֶעט מֶען אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן פִישׁ, **'דְּיַתְבָא לֵיהּ'** וָואס אִיז אִים אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען, **'אָכְלָא טִינָא'** אַ קְלֵיינֶע קְרִיכֶער, **'בִּנְחִירָיו'** אִין זַיינֶע נָאז לֶעכֶער, **זֶה בְּחִינַת** דִי נָאז פוּנֶעם פִישׁ דָאס מֵיינְט מֶען - **תְּפִלָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל** דִי תְּפִלּוֹת וָואס אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּפִלּוֹת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'נָאז', **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מח, ט): **'וּתְהִלָּתִי'** דָאס אִיז מַיין לוֹיבּ - וָואס מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לוֹיבְּט מִיר, **'אֶחֱטָם לָךְ'** אַז אִיךְ הַאלְט צוּרִיק מַיין צָארְן פוּן דִיר; תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז, עֶס אִיז דָאס לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ (אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין סִימָן ב'), דוּרְךְ דַאוֶוענֶען אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אוֹיפְהֵייבְּן דִי מַלְכוּת פוּן דִי קְלִיפּוֹת, מַמְלִיךְ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**שֶׁנִּתְעָרֵב שֶׁרֶץ** אוּן עֶס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעמִישְׁט אַ קְרִיכֶער אִין דִי תְּפִלָּה, **הַיְנוּ** דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף **טֻמְאָה**, עֶס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ מַחֲשָׁבָה פוּן גַּאֲוֹת אוּן פוּן יֵשׁוּת - **בִּתְפִלָּתוֹ** בַּיים דַאוֶונֶען, **וַעֲבוֹדָתוֹ** אוּן בַּיי זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, **וּבִלְבֵּל אוֹתוֹ** אוּן דָאס הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט, **וְלֹא הָיָה יָכוֹל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הַזֶּה לַעֲבֹד עֲבוֹדָתוֹ תַּמָּה** אוּן דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף אִים דִינֶען, מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. **מֶה עָשָׂה הָאִישׁ הַזֶּה** וָואס הָאט דֶער מֶענְטְשׁ

עָשָׂה שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת הַנַּ"ל. הַיְנוּ הִתְקַשְּׁרוּת לְהַצַּדִּיק וּנְתִינַת הַצְּדָקָה וּוִדּוּי דְּבָרִים.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ: וּמֵתָה, וְאִידְחוּהוּ מַיָּא, וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא. וְהִזְכִּיר הַשָּׁלֹשׁ בְּחִינוֹת מֵעֵילָא לְתַתָּא. וּמֵתָה – זֶה בְּחִינַת וִדּוּי דְּבָרִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "כָּל הַמּוּמָתִין מִתְוַדִּין". וְאִידְחוּהוּ מַיָּא — זֶה בְּחִינַת צְדָקָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (קֹהֶלֶת י"א): "שַׁלַּח לַחְמְךָ עַל פְּנֵי הַמָּיִם". וּכְתִיב (יְשַׁעְיָהוּ ל"ב): "אַשְׁרֵיכֶם זוֹרְעֵי עַל כָּל מָיִם". וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא – הַצַּדִּיק

געטון געראטעוועט צו ווערן פון די שֶׁרֶץ הַטּוּמְאָה? וואס איז די עֵצָה אויסצורייסן די גַּאֲוָה? **עָשָׂה שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת הַנַּ"ל** ער האט געטון די דריי וועגן פון זיך מִתְקָרֵב זיין צום צַדִּיק, **הַיְנוּ הִתְקַשְּׁרוּת לְהַצַּדִּיק** זיך צובינדן צום צַדִּיק; קוקן אויפן צַדִּיק, **וּנְתִינַת הַצְּדָקָה** געבן צְדָקָה פארן צַדִּיק, **וּוִדּוּי דְּבָרִים** און זיך מִתְוַדֶּה זיין פארן צַדִּיק.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** און דאס איז מְרוּמָז אין די מַעֲשֶׂה: '**וּמֵתָה, וְאִידְחוּהוּ מַיָּא, וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא**', דאס איז די דריי וועגן ווי אזוי מען ווערט נאנט צום צַדִּיק, אזוי ווי ער גייט ווייטער מַסְבִּיר זיין.

**דער עִיקָר איז וִדּוּי דְּבָרִים**

**וְהִזְכִּיר רַבָּה בַּר בַּר חָנָא** רעכנט אויס **הַשָּׁלֹשׁ בְּחִינוֹת** די דריי וועגן פון התקרבות לצַדִּיק, **מֵעֵילָא לְתַתָּא** ער רעכנט דאס אויס פון אויבן אראפ; פריער האט דער רבי אויסגערעכנט פון אונטן ארויף, די ערשטע זאך 'זען' דעם צַדִּיק, נאכדעם 'געבן צְדָקָה', און די דריטע זאך - זיך 'מִתְוַדֶּה זיין' צום צַדִּיק, אבער דא הויבט ער אן פון אויבן אראפ, ערשט מיט 'וִדּוּי דְּבָרִים'; ווייל 'וִדּוּי דְּבָרִים' איז דער עיקר ווי אזוי מען קען אויפהייבן די מַלְכוּת פון די סִטְרָא אַחֲרָא און דאס צוריק געבן צום אייבערשטן, און די אנדערע צוויי זאכן - זען דעם צַדִּיק, און געבן צְדָקָה פארן צַדִּיק - דאס איז נאר א וועג ווי אזוי מען קען ווערן נאנט צום צַדִּיק, אז נאכדעם זאל מען זיך קענען מִתְוַדֶּה זיין פאר אים, ווייל דער עִיקָר איז וִדּוּי דְּבָרִים, וואס דורכדעם גייט ארויס די גאנצע שלעכטס פונעם מענטש.

'**וּמֵתָה**', **זֶה בְּחִינַת** דאס איז מְרַמֵּז אויף וִדּוּי דְּבָרִים, זיך מִתְוַדֶּה זיין פארן צַדִּיק, ווייל שטארבן מיינט אויך זיך מִתְוַדֶּה זיין, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ** אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (סַנְהֶדְרִין מג:): '**כָּל הַמּוּמָתִין**' אלע וואס מען הרג'עט, '**מִתְוַדִּין**' דארפן זיך מִתְוַדֶּה זיין; זעט מען אז שטארבן איז מְרַמֵּז אויף וִדּוּי דְּבָרִים. '**וְאִידְחוּהוּ מַיָּא**', **זֶה בְּחִינַת** דאס איז מְרֻמָּז אויף **צְדָקָה**, געבן צְדָקָה פארן צַדִּיק; ווייל צְדָקָה ווערט אויך אנגערופן וואסער, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק (קֹהֶלֶת יא, א): '**שַׁלַּח לַחְמְךָ**' שיק פון דיין ברויט, '**עַל פְּנֵי הַמָּיִם**' אויפן וואסער, **וּכְתִיב** נאך שטייט אין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ לב, כ): '**אַשְׁרֵיכֶם**' וואויל איז אייך אידישע קינדער וואס איר טוט צְדָקָה, ענק וועלן האבן גוטע שָׂכָר, אזוי ווי '**זוֹרְעֵי עַל כָּל מָיִם**' מען פלאנצט אויף וואסער. '**וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא**' - דאס איז מְרַמֵּז

נִקְרָא גּוּדָא, לְשׁוֹן גֶּדֶר, שֶׁהוּא גּוֹדֵר פִּרְצוֹתֵיהֶן שֶׁל יִשְׂרָאֵל (יְחֶזְקֵאל כ"ב; יְשַׁעְיָהוּ נ"ח) וְזֶה: 'וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא', שֶׁהִקְרִיב אֶת עַצְמוֹ לַצַּדִּיק.

וְעַל-יְדֵי שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת אֵלּוּ, וְחָרוּב מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזָא שֶׁעַל-יְדֵי הַמִּיתָה, הַיְנוּ וִדּוּי דְּבָרִים, הֶעֱלָה אֶת הַמַּלְכוּת מִבֵּין הַסִּטְרָא אָחֳרָא. וְהַצַּדִּיק הוֹרָה לוֹ אֶת הַדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּהַפְטָרַת בְּרֵאשִׁית (יְשַׁעְיָהוּ מ"ב): "אַחֲרִיב הָרִים וּגְבָעוֹת", רֶמֶז עַל חֻרְבַּן מֶמְשֶׁלֶת הָעַכּוּ"ם. "וְהוֹלַכְתִּי עִוְרִים בְּדֶרֶךְ לֹא יָדָעוּ",

אוֹיפְן צַדִּיק, הַצַּדִּיק נִקְרָא גּוּדָא ווייל דֶער צַדִּיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'גּוּדָא', לְשׁוֹן גֶּדֶר 'גּוּדָא' אִיז אַ לְשׁוֹן פוּן אַ צוֹים, דֶער צַדִּיק אִיז אַ צוֹים, שֶׁהוּא גּוֹדֵר פִּרְצוֹתֵיהֶן שֶׁל יִשְׂרָאֵל ווייל דִי צַדִּיקִים מַאכְן גְּדָרִים וּסְיָגִים מִיר זָאלְן הִיטְן דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפִינֶען, דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל כב, ל): 'וָאֲבַקֵּשׁ מֵהֶם' אִיךְ הָאבּ גֶעזוּכְט צְווִישְׁן זֵיי, 'אִישׁ גֹּדֵר גֶּדֶר' אַ מַאן וָואס פַארְצוֹימְט דֶעם צוֹים, נָאךְ שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נח, יב): 'וְקוֹרָא לְךָ' אוּן מֶען וֶועט דִיךְ רוּפְן 'גּוֹדֵר פֶּרֶץ', דֶער וָואס פַארְצוֹימְט דִי אוֹיפְבְּרֶעכוּנְגֶען, וְזֶה אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי מַעֲשֶׂה - 'וְשַׁדְיוּהוּ לְגוּדָא' עֶר הָאט אִיר גֶעטְרָאגְן צוּם צוֹים, דָאס מֵיינְט מֶען קוּקְן אוֹיפְן צַדִּיק, שֶׁהִקְרִיב אֶת עַצְמוֹ לַצַּדִּיק דוּרְךְ זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם צַדִּיק, אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שֶׁרֶץ הַטּוּמְאָה פוּן זִיךְ, אוּן ווערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

וְעַל יְדֵי שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת אֵלּוּ אוּן דוּרְךְ דִי דְרַיי זַאכְן; דוּרְךְ 'וִדּוּי דְּבָרִים', 'גֶעבְּן צְדָקָה' אוּן 'קוּקְן אוֹיפְן צַדִּיק' - פַארְרֶעכְט מֶען אַלֶע מִידּוֹת רָעוֹת אוּן דִי מַלְכוּת וֶוערְט פַארְרָאכְטְן, אוּן דָאס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער 'וְחָרוּב מִינֵּיהּ שִׁיתִּין מְחוֹזָא', דָאס הֵייסְט שֶׁעַל יְדֵי הַמִּיתָה דוּרְךְ מִיתָה, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען - וִדּוּי דְּבָרִים דֶערְצֵיילְן דִי עֲבֵירוֹת פַארְן צַדִּיק, זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן צַדִּיק - הֶעֱלָה אֶת הַמַּלְכוּת נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי מַלְכוּת, מִבֵּין הַסִּטְרָא אָחֳרָא פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וְהַצַּדִּיק הוֹרָה לוֹ אוּן דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים, אֶת הַדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; ווייל וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג אַז מֶען וֶועט אֵיין טָאג דַארְפְן נִפְטָר וֶוערְן, אוּן מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דוּרְכְדֶעם נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי מַלְכוּת פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט, בְּהַפְטָרַת בְּרֵאשִׁית אִין דִי הַפְטָרָה וָואס מֶען זָאגְט שַׁבָּת פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מב, טו), לֶעָתִיד לָבוֹא: 'אַחֲרִיב' וֶועל אִיךְ חָרוּב מַאכְן, 'הָרִים וּגְבָעוֹת' בֶּערְג אוּן בֶּערְגְלֶעךְ, דָאס מֵיינְט מֶען קֶענִיגְן אוּן שָׂרִים, רֶמֶז דָאס ווייזְט אוּנְז, עַל חֻרְבַּן מֶמְשֶׁלֶת הָעַכּוּ"ם אַז עֶס וֶועט חָרוּב וֶוערְן דִי קֶענִיגְרַייךְ פוּן דִי פֶעלְקֶער, 'וְהוֹלַכְתִּי עִוְרִים' אוּן אִיךְ וֶועל פִירְן דִי אִידְן, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען וִוי בְּלִינְדֶע פוּן צוּ קֶענֶען גֵיין אִין דִי וֶועג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'בְּדֶרֶךְ לֹא יָדָעוּ'

זֶה בְּחִינַת שֶׁהַצַּדִּיק הוֹרָה לוֹ דֶּרֶךְ יָשָׁר. זֶה בְּחִינַת פָּרָשַׁת דְּרָכִים כַּנַּ"ל. 'וְשִׁיתִין מְחוֹזָא', רֶמֶז עַל עֲלִיַּת הַמַּלְכוּת, דִּכְתִיב בַּהּ (שִׁיר־הַשִּׁירִים ו): "שִׁשִּׁים הֵמָּה מְלָכוֹת".

**וְאָכְלוּ** מִינַהּ שִׁיתִין מְחוֹזָא – רֶמֶז עַל שְׁנֵי מִדּוֹת רָעוֹת שֶׁל חַי מְדַבֵּר, שֶׁעַל־יָדוֹ בָּא עֲנִיּוּת כַּנַּ"ל, וְעַל־יְדֵי צְדָקָה מְתַקֵּן אוֹתָם וַיַּמְשִׁיךְ שֶׁפַע. וְזֶה: 'אָכְלוּ מִינֵיהּ'. וְ'שִׁיתִין מְחוֹזָא', רֶמֶז עַל בְּחִינַת שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים, שֶׁמִּשָּׁם בָּא פַּרְנָסָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ (בְּרָכוֹת לג; תַּעֲנִית ב. עַיֵּן שָׁם): 'גְּבוּרוֹת גְּשָׁמִים'.

אין אַ וועג וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט געוואוּסְט צוּ גֵיין, זֶה בְּחִינַת דָאס אִיז דֶער צַדִּיק וָואס עֶפְנְט דִי אוֹיגְן אוּן מַאכְט אוֹיס בְּלִינְד, שֶׁהַצַּדִּיק הוֹרָה לוֹ דֶּרֶךְ יָשָׁר דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אִים דִי וֶועג, זֶה בְּחִינַת פָּרָשַׁת דְּרָכִים כַּנַּ"ל דֶער צַדִּיק וַוייזְט אִים ווָאוּ אִיז דִי אֱמֶת'עֶ וֶועג, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן; וְ'שִׁיתִין מְחוֹזָא' דִי נוּמֶער זֶעכְצִיג, רֶמֶז דָאס וַוייזְט אוּנְז, עַל עֲלִיַּת הַמַּלְכוּת אוֹיף מַלְכוּת, אוֹיפְצוּהֵייבְּן דִי מַלְכוּת פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא; אַ רְאָיָ' הָאסְטוּ אַז זֶעכְצִיג וַוייזְט אוֹיף מַלְכוּת, דִּכְתִיב בַּהּ אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, ח): 'שִׁשִּׁים הֵמָּה מְלָכוֹת' זֶעכְצִיג נְפָשׁוֹת בְּנֵי מְלָכִים.

'**וְאָכְלוּ** מִינַהּ שִׁיתִין מְחוֹזָא', רֶמֶז דָאס וַוייזְט אוּנְז – עַל שְׁנֵי מִדּוֹת רָעוֹת אוֹיף דִי צְוֵויי שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת, שֶׁל חַי מְדַבֵּר רֶעדְן דְּבָרִים בְּטֵלִים – וָואס קוּמְט פוּן חַי, אוּן זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן – וָואס קוּמְט פוּן מְדַבֵּר, שֶׁעַל יָדוֹ וָואס דוּרְךְ דִי מִידּוֹת רָעוֹת, בָּא עֲנִיּוּת כַּנַּ"ל וֶוערְט מֶען פַארְאָרֶעמְט, וְעַל יְדֵי צְדָקָה אוּן דוּרְךְ צְדָקָה – מְתַקֵּן אוֹתָם פַארֶרעכְט מֶען זֵיי, וַיַּמְשִׁיךְ שֶׁפַע אוּן מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ שֶׁפַע, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ח:) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים יד, כב): "עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר", אַז מֶען גֶעבְּט מַעֲשֵׂר וֶוערְט מֶען רַייךְ, וְזֶה אוּן דָאס אִיז וָואס עֶר כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן 'אָכְלוּ מִינַהּ' זֵיי הָאבְן גֶעגֶעסְן, וַוייל דוּרְךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת אִיז גֶעקוּמֶען אַזַא שֶׁפַע, עֶס אִיז גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן.

**די שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט**

**און** דָאס וָואס עֶר כַאפְּט אָן וְ'שִׁיתִין מְחוֹזָא' זֶעכְצִיג שְׁטֶעט, רֶמֶז דָאס וַוייזְט אוּנְז, עַל בְּחִינוֹת שִׁשִּׁים גִּבּוֹרִים אוֹיף דִי זֶעכְצִיג גִּבּוֹרִים וָואס שְׁטֵייט בַּיי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (שִׁיר הַשִּׁירִים ג, ז): 'הִנֵּה מִטָּתוֹ שֶׁלִּשְׁלֹמֹה שִׁשִּׁים גִּבֹּרִים סָבִיב לָהּ' אַרוּם שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אִיז גֶעוֶוען זֶעכְצִיג גִּבּוֹרִים, דָאס וַוייזְט אוּנְז אוֹיף דִי מַלְכוּת פוּן שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ; דָאס אִיז וֶוען מֶען אַרְבֶּעט אוֹיס דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידּוֹת אוּן מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק דִי מַלְכוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט הָאט מֶען שֶׁפַע, שֶׁמִּשָּׁם בָּא פַּרְנָסָה וָואס פוּן דָארְט קוּמְט פַּרְנָסָה. דָאס הֵייסְט, וֶוען דִי מַלְכוּת אִיז אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט רִיכְטִיג אַזוֹי ווִי בַּיי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ מִיט דִי זֶעכְצִיג גִּבּוֹרִים, קוּמְט דוּרְכְדֶעם שֶׁפַע אוּן פַּרְנָסָה, וָואס דָאס וֶוערְט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען 'גְּבוּרָה', כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.; תַּעֲנִית ב. עַיֵּן שָׁם): 'גְּבוּרוֹת גְּשָׁמִים' דִי גְּבוּרָה פוּנֶעם

אײבּערשׁטן איז – אַז ער בּרענגט רעגן, און דאָס איז די פּרנָסה; דורך רעגן קומט די שֶׁפַע.

'וּמָלְחוּ מִינָהּ שִׁיתִּין מְחוֹזָא', זֶה רֶמֶז דאָס ווײזט אונז, עַל תִּקּוּן ווי אַזוי מען קען פאַררעכטן, שְׁתֵּי מִדּוֹת רָעוֹת די צוויי שׁלעכטע מידות פון 'דּוֹמֵם צוֹמֵחַ', די שׁלעכטע מִדָּה פון עַצְבוּת – וואָס קומט פון דוֹמֵם, און אַלע שׁלעכטע תַּאֲווֹת – וואָס קומט פון צוֹמֵחַ, עַל יְדֵי קִרְבָתוֹ לְהַצַּדִּיק דורך קומען צום צַדִּיק און קוקן אויפן צַדִּיק, כִּי הַצַּדִּיק הוּא (בַּמִּדְבָּר יח, יט): 'בְּרִית מֶלַח עוֹלָם' ווײל דער צַדִּיק איז אַזוי ווי זאַלץ, גַּם עַצְבוּת וְתַאֲווֹת בָּאִים מִדָּמִים עֲכוּרִים און די מִדָּה פון עַצְבוּת און די תַּאֲווֹת קומען פון די בּלוט וואָס איז פאַרשמירט, וְעַל יְדֵי מֶלַח און דורך זאַלץ – פּוֹלֵט הַדָּמִים רָעִים שׁפּײט מען אויס די שׁלעכטע בּלוט, אַזוי ווי מען נעמט אַרויס בּלוט פון פלײש דורך זאַלץ, אַזוי איז ווען מען קומט צום צַדִּיק און מען טוט די עֵצוֹת פון צַדִּיק, גײען אַרויס אַלע שׁלעכטע בּלוט, מען ווערט אַן ערליכער איד, וְ'שִׁיתִּין מְחוֹזָא'

**וּמָלְחוּ** מִינָהּ שִׁיתִּין מְחוֹזָא – זֶה רֶמֶז עַל תִּקּוּן שְׁתֵּי מִדּוֹת רָעוֹת – 'דּוֹמֵם צוֹמֵחַ', עַל־יְדֵי קִרְבָתוֹ לְהַצַּדִּיק, כִּי הַצַּדִּיק הוּא "בְּרִית מֶלַח עוֹלָם". גַּם עַצְבוּת וְתַאֲווֹת בָּאִים מִדָּמִים עֲכוּרִים, וְעַל־יְדֵי מֶלַח פּוֹלֵט הַדָּמִים רָעִים. וְ'שִׁיתִּין מְחוֹזָא', זֶה רֶמֶז עַל שִׁשִּׁים אוֹתִיּוֹת שֶׁבְּבִרְכַּת כֹּהֲנִים, שֶׁהֵם בְּיַד הַצַּדִּיק, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (מִשְׁלֵי י): "בְּרָכוֹת לְרֹאשׁ צַדִּיק".

**וּמָלְאוּ** מֵחַד גַּלְגַּלָּא דְּעֵינָא תְּלָת מֵאָה גַּרְבֵּי מִשְׁחָא – גַּרְבֵּי מִשְׁחָא, זֶה בְּחִינוֹת הַדַּעַת, כִּי "שֶׁמֶן מִשְׁחַת קֹדֶשׁ" (שְׁמוֹת ל), זֶה בְּחִינַת שֵׂכֶל. וּתְלָת מֵאָה, זֶה

און ער כאַפּט אָן די נומער זעכציג, זֶה רֶמֶז דאָס ווײזט אונז, עַל שִׁשִּׁים אוֹתִיּוֹת אויף די זעכציג אוֹתִיּוֹת – שֶׁבְּבִרְכַּת כֹּהֲנִים וואָס איז אין די בְּרָכָה וואָס די כֹּהֲנִים בּענטשן, שֶׁהֵם בְּיַד הַצַּדִּיק וואָס די בְּרָכָה ליגט אינעם צַדִּיק'ס הענט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוי ווי עס שׁטײט אין פּסוק (מִשְׁלֵי י, ו): 'בְּרָכוֹת לְרֹאשׁ צַדִּיק' בְּרָכוֹת וועלן קומען אויפן קאָפּ פון צַדִּיק; דער צַדִּיק האָט די בְּרָכוֹת, ווען מען קוקט אויפן צַדִּיק ווערט מען אויסגעלײטערט פון די שׁלעכטע מידות פון דוֹמֵם צוֹמֵחַ, מען גײט אַרויס פון עַצְבוּת, מען ווערט פרײליך, און מען גליסט מער נישט צו שׁלעכטס.

**דרײ מאָל גאָרנישט**

'**וּמָלְאוּ** מֵחַד גַּלְגַּלָּא דְּעֵינָא תְּלָת מֵאָה גַּרְבֵּי מִשְׁחָא', גַּרְבֵּי מִשְׁחָא די פעסער אויל – זֶה בְּחִינוֹת הַדַּעַת דאָס ווײזט אונז אויף שֵׂכֶל, אַזוי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (מְנָחוֹת פה:) אויל בּרענגט חָכְמָה, כִּי 'שֶׁמֶן מִשְׁחַת קֹדֶשׁ' (שְׁמוֹת ל, כה) ווײל דאָס זאַלבּן דעם כֹּהֵן, זֶה בְּחִינַת דאָס איז אים צו געבּן שֵׂכֶל, ער זאָל ווערן נאָנט צום אײבּערשׁטן. וּ'תְלָת מֵאָה' און די נומער דרײ הונדערט

בְּחִינַת מֹשֶׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת מַה שֶׁהַצַּדִּיק מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ, כִּבְחִינַת מָה. בְּשָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת צָרִיךְ לְהַקְטִין אֶת עַצְמוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יִרְמְיָהוּ ט): "אַל יִתְהַלֵּל חָכָם, גִּבּוֹר וְעָשִׁיר".

**נִמְצָא** שֶׁבְּכָל בְּחִינָה מֵאֵלּוּ שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת הוּא נַעֲשֶׂה מָה. וְעַל־יְדֵי זֶה יֵשׁ לוֹ הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת, וּמְדַבֵּק בְּאוֹר אֵין סוֹף, שֶׁאֵין שָׁם שׁוּם שִׁנּוּי רָצוֹן, אֶלָּא: ה' הוּא הָאֱלֹקִים, כַּנַּ"ל, הַיְנוּ כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

- זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה דָאס ווייזְט אוּנְז אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, ווייל מֹשֶׁה הָאט דִי אוֹת 'ש', וָואס אִיז דְרַיי הוּנְדֶערְט, אוּן נָאךְ צְווַיי אוֹתִיּוֹת דִי אוֹת 'מ' מִיט דִי אוֹת 'ה', אִינָאייְנֶעם אִיז דָאס דִי וָוארְט 'מָה' - 'גָארְנִישְׁט', שֶׁהוּא בְּחִינַת דָאס ווייזְט אוּנְז - מַה שֶׁהַצַּדִּיק מַקְטִין אֶת עַצְמוֹ אוֹיף בִּיטוּל, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ מְבַטֵּל גֶעוֶוען צוּם אייבֶּערְשְׁטְן כִּבְחִינַת מָה עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, מֹשֶׁה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'ש' 'מה', 'ש' - דְרַיי, 'מה' - גָארְנִישְׁט, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ דְרַיי מָאל גָארְנִישְׁט, ווייל בְּשָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת צָרִיךְ לְהַקְטִין אֶת עַצְמוֹ מֶען דַארְף זִיךְ מְבַטֵּל זַיין מִיט דְרַיי זַאכְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ ט, כב): 'אַל יִתְהַלֵּל חָכָם, גִּבּוֹר וְעָשִׁיר' דִי פָּסוּק רֶעכְנְט אוֹיס דְרַיי זַאכְן מִיט וָואס מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס הַאלְטְן, 'אַל יִתְהַלֵּל חָכָם בְּחָכְמָתוֹ' דֶער קְלוּגֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן מִיט זַיין קְלוּגְשַׁאפְט, 'וְאַל יִתְהַלֵּל הַגִּבּוֹר בִּגְבוּרָתוֹ' אוּן דֶער שְׁטַארְקֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן מִיט זַיין שְׁטַארְקַייט, 'אַל יִתְהַלֵּל עָשִׁיר בְּעָשְׁרוֹ' אוּן דֶער רֵייכֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן מִיט זַיין רֵייכְטוּם, מִיט דְרַיי זַאכְן דַארְף מֶען זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

**נִמְצָא** פוּן דֶעם לֶערְנֶען מִיר, שֶׁבְּכָל בְּחִינָה מֵאֵלּוּ שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ פוּן דִי דְרַיי זַאכְן; חָכְמָה, גְּבוּרָה אוּן עֲשִׁירוּת - הוּא נַעֲשֶׂה מָה דַארְף מֶען זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיסְן מִיט דִי זַאכְן, נָאר גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס אִיז גָארְנִישְׁט, בִּבְחִינַת מָה, אַזוֹי ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס הָאט גֶעהַאט דִי דְרַיי זַאכְן; מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, אַ גִּבּוֹר אוּן אַן עוֹשֶׁר, אוּן דָאךְ זָאגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (שְׁמוֹת טז, ז): 'וְנַחְנוּ מָה', וָואס בִּין אִיךְ דֶען?! אוּן אַלֶע דְרַיי זַאכְן דָאס אִיז דִי נָאמֶען מ'שֶׁ'ה', 'ש' - דְרַיי מָאל 'מָה', וְעַל יְדֵי זֶה אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען ווייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן - יֵשׁ לוֹ קוּמְט מֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן הִתְפַּשְּׁטוּת הַגַּשְׁמִיּוּת, בָּטֵל וֶוערְן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן, וּמְדַבֵּק בְּאוֹר אֵין סוֹף אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן; שֶׁאֵין שָׁם שׁוּם שִׁנּוּי רָצוֹן בַּיי דִי מַדְרֵיגָה אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק צְווִישְׁן מִידַּת הַדִּין אוּן מִידַּת הָרַחֲמִים, אֶלָּא 'ה' הוּא הָאֱלֹקִים' נָאר אַלֶעס אִיז גוּט, כַּנַּ"ל, הַיְנוּ כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב מֶען ווייסְט אַז אַלֶעס - סַיי גוּט אוּן סַיי פַארְקֶערְט - אִיז כּוּלוֹ טוֹב, נָאר גוּט.

**וְזֶה** בְּחִינַת 'חַד גַּלְגַּלָּא דְּעֵינָא', כַּמּוּבָא בְּאִדְרָא (זֹהַר נָשֹׂא קלז:): 'וּלְזִימְנָא דְּאָתֵי יִשְׁתַּכַּח בָּהּ עֵינָא חַד דְּרַחֲמֵי', זֶה בְּחִינַת כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב.

**נִמְצָא** כְּשֶׁהַצַּדִּיק עוֹשֶׂה עַצְמוֹ מָה, מְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לְעֵינָא חַד דְּרַחֲמֵי, הַיְנוּ לְאֵין סוֹף, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁחוֹזֵר בִּבְחִינַת רָצוֹא וָשׁוֹב, אָז מַמְשִׁיךְ מֵאוֹר אֵין סוֹף הָאַחְדוּת הָרָצוֹן הַפָּשׁוּט שָׁם דֶּרֶךְ הַמָּה שֶׁלּוֹ, וְנַעֲשֶׂה מִמָּה מֵאָה, כְּמוֹ

**איין אויג פון רַחְמָנוּת**

**וְזֶה** בְּחִינַת 'חַד גַּלְגַּלָּא דְּעֵינָא' און דָאס איז די זאך פון חַד גַּלְגַּלָּא דְּעֵינָא, **כַּמּוּבָא בְּאִדְרָא** (זֹהַר נָשֹׂא קלז:) וָואס דֶער הֵיילִיגֶער זוהר זָאגְט, 'וּלְזִימְנָא דְּאָתֵי' לֶעָתִיד לָבוֹא ווען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, 'יִשְׁתַּכַּח בָּהּ עֵינָא חַד דְּרַחֲמֵי' וֶועט זַיין נָאר אֵיין אויג פון רַחְמָנוּת; ווייל יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען אין גָלוּת איז דָא אַ חִילוּק פון גוּטְס און שְׁלֶעכְטְס, דָאס איז כִּבְיָכוֹל אַזוֹי וִוי צְוֵויי אוֹיגְן, אֵיין אויג ווַייזְט אויף רַחֲמִים און אֵיין אויג וַוייזְט אויף דִּינִים, אָבֶער בַּיי די גְאוּלָה וֶועט זַיין נָאר רַחֲמִים, עֶס וֶועט כִּבְיָכוֹל זַיין נָאר אֵיין אויג, זֶה בְּחִינַת כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב עֶס וֶועט זַיין נָאר גוּט, עֶס וֶועט זַיין אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען וֶועט אַזוֹי שְׁטַארק שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אַז מֶען וֶועט אויךְ מַאכְן די בְּרָכָה פון הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב אויף שְׁלֶעכְטְס.

**פון גָארְנִישְׁט וֶוערְט הוּנְדֶערְט**

**נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, **כְּשֶׁהַצַּדִּיק עוֹשֶׂה עַצְמוֹ מָה** וֶוען דֶער צַדִּיק אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, פַּארְשֶׁעמְט און דֶערְנִידֶערְט – **מְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ לְעֵינָא חַד דְּרַחֲמֵי** קְלֶעבְּט עֶר זִיךְ צוּ צוּם אויג פון רַחְמָנוּת, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען – **לְאֵין סוֹף** צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, עֶר זֶעט נָאר דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, **וְאַחַר כָּךְ** **כְּשֶׁחוֹזֵר** און וֶוען עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק, **בִּבְחִינַת רָצוֹא וָשׁוֹב** אַזוֹי וִוי די מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְן נָאמֶען 'חַיּוֹת', זַיי לוֹיפְן טוּן די ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, און נָאכְדֶעם קֶערְן זַיי זִיךְ צוּרִיק, אַזוֹי אויךְ דֶער צַדִּיק, וִוי לַאנְג עֶר לֶעבְּט – דַארְף עֶר זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם גוּף און זִיךְ נִישְׁט לָאזְן אוֹיסְגֵיין צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן מִיטְן גוּף, דָאן – **אָז מַמְשִׁיךְ** צִיט עֶר צוּ זִיךְ, **מֵאוֹר אֵין סוֹף** די לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, **הָאַחְדוּת הָרָצוֹן הַפָּשׁוּט** דָאס אֵיינְצִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, וָואס אִיז מְרֻמָּז אוֹיפְן אוֹת א'. **שָׁם דֶּרֶךְ הַמָּה שֶׁלּוֹ** וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵּל, עֶר הַאלְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ 'וְנַחְנוּ מָה', מִיר זֶענֶען גָארְנִישְׁט – דֶעמָאלְט צִיט עֶר צוּ זִיךְ דֶעם 'א', דֶעם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, און זַיין 'מָה' דָאס וָואס עֶר הַאלְט זִיךְ פַאר גָארְנִישְׁט, **וְנַעֲשֶׂה מִמָּה** און עֶס וֶוערְט פון די וָוארְט 'מָה' – **מֵאָה**, וַוייל די וָוארְט 'מָה' מִיטְן אוֹת 'א', וֶוערְט 'מֵאָה' – הוּנְדֶערְט, דָאס זֶענֶען די הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת וָואס יֶעדֶער אִיד מַאכְט יֶעדְן טָאג, **כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ** אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מג:) מֶען אִיז מְחוּיָב יֶעדְן טָאג

שֶׁאָמְרוּ: 'אַל תִּקְרֵי מָה אֶלָּא מֵאָה'. וְנַעֲשֶׂה תְּלָת מֵאָה מִתְּלָת מָה, וּמַמְשִׁיךְ אוֹר הַזֶּה לְדַעְתּוֹ וּלְשִׂכְלוֹ, הַיְנוּ גַּרְבֵּי דְּמִשְׁחָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֵׂכֶל, כַּנַּ"ל. אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת, שֶׁמַּמְשִׁיךְ אוֹר אֵין סוֹף לְדַעְתּוֹ, שֶׁיֵּדַע הָאַחְדוּת, שֶׁה' הוּא הָאֱלֹקִים, וִיבָרֵךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב עַל הַכֹּל כְּמוֹ לֶעָתִיד לָבוֹא:

כִּי הֲדַרָן וְאָתָאן לְבָתַר תְּרֵיסַר יַרְחֵי שַׁתָּא וְקַחֲזִינָן דַּהֲוֵי מְנַסְּרָא מִגַּרְמַיְהוּ לְבִנְיָנָא הַנָּךְ מְחוֹזָא - כִּי מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה, שֶׁהֵם שְׁנֵים-עָשָׂר שְׁבָטִים, שֶׁעַל-יָדָם נִתְתַּקֵּן מַלְכוּת הַנַּ"ל, וְאַחֲרֵיהֶם הוּא הַטֻּמְאָה.

צוּ מַאכְן הוּנְדֶערְט בְּרָכוֹת, וַוייל עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים י, יב): 'וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ', דַּרְשְׁ'ענֶען דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: 'אַל תִּקְרֵי מָה' לֵיין עֶס נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט 'מָה', 'אֶלָּא מֵאָה' נָאר הוּנְדֶערְט; וַוייל מִיט דִּי מֵאָה בְּרָכוֹת וָואס מֶען זָאגְט, דוּרְכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ דִּי מַדְרֵיגָה פוּן 'הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב', דַּאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, דִּי מַדְרֵיגָה פוּן נִישְׁט ווִיסְן קֵיין חִילּוּק פוּן גוּטְס אוּן שְׁלֶעכְטְס, ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט.

**אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ**

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיז דִּי כַּוָּונָה פוּן דִּי תְּלָת מֵאָה גַּרְבֵּי דְּמִשְׁחָא, וְנַעֲשֶׂה 'תְּלָת מֵאָה' אוּן עֶס וֶוערְט דְּרֵיי הוּנְדֶערְט, מִתְּלָת מָה פוּן דְּרֵיי מָאל מָה - זִיךְ מְבַטֵּל זַיין, אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז מֶען דַּארְף זִיךְ מְבַטֵּל זַיין דְּרֵיי מָאל, סַיי דִּי חָכְמָה, סַיי דִּי גְּבוּרָה אוּן סַיי דִּי עֲשִׁירוּת, וּמַמְשִׁיךְ אוֹר הַזֶּה לְדַעְתּוֹ וּלְשִׂכְלוֹ אוּן דוּרְכְדֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין דִּי לִיכְטִיגְקֵייט אִינֶעם מֹחַ מַחֲשָׁבָה, הַיְנוּ דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִּי וֶוערְטֶער - 'גַּרְבֵּי דְּמִשְׁחָא' פֶּעסֶער אוֹיל, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֵׂכֶל כַּנַּ"ל דָאס מֵיינְט מֶען דִּי מַחֲשָׁבָה. 'אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת' דוּ בִּיסְט בַּאווִיזְן גֶעוָוארְן צוּ ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער (דְּבָרִים ד, לה), שֶׁמַּמְשִׁיךְ אוֹר אֵין סוֹף לְדַעְתּוֹ דָאס הֵייסְט, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זִיךְ, שֶׁיֵּדַע הָאַחְדוּת שֶׁה' הוּא הָאֱלֹקִים עֶר ווֵייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וִיבָרֵךְ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב עַל הַכֹּל אוּן עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס, סַיי אוֹיף גוּטְס אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז פַּארְקֶערְט, כְּמוֹ לֶעָתִיד לָבוֹא אַזוֹי וִוי עֶס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען.

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר זַיין וָואס אִיז דִּי כַּוָּונָה פוּן דִּי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָא, 'כִּי הֲדַרָן וְאָתָאן לְבָתַר תְּרֵיסַר יַרְחֵי שַׁתָּא וְקַחֲזִינָן דַּהֲוֵי מְנַסְּרָא מִגַּרְמַיְהוּ לְבִנְיָנָא הַנָּךְ מְחוֹזָא'; כִּי מֵאֲחוֹרֵי הַקְּדֻשָּׁה וַוייל פוּן אוּנְטֶער דִּי קְדוּשָּׁה, שֶׁהֵם וָואס דִּי עִיקַּר קְדוּשָּׁה מֵיינְט מֶען - שְׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים דִּי צְוֶועלְף שְׁבָטִים וָואס דָאס אִיז דִּי קְדוּשָּׁה, שֶׁעַל יָדָם נִתְתַּקֵּן מַלְכוּת הַנַּ"ל וָואס דוּרְךְ זֵיי וֶוערְט פַּארְרַאכְטְן דִּי מַלְכוּת, וַוייל כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, דִּי אִידִישֶׁע קִינְדֶער - זֵיי זֶענֶען מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְאַחֲרֵיהֶם הוּא

הַטֻּמְאָה און חס וְשָׁלוֹם אַז מֶען פַאלְט אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה – דָארְט אִיז דִי טוּמְאָה, וְיֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁיּוֹצְאִין מֵהַקְּדֻשָּׁה און עֶס זֶענֶען נֶעבֶעךְ דָא אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, און גֶענוּמֶען דִי מַלְכוּת צוּ דִי טוּמְאָה.

**דִי רְשָׁעִים וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן**

**וְזֶה** שֶׁסִּפֵּר הַתַּנָּא דָאס דֶערְצֵיילְט אוּנְז דֶער תַּנָּא, שֶׁהִדֵּר וְחָזַר לְעַיֵּן בְּאֵלּוּ עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אוּמְקוּקְן אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת, שֶׁהֵם וָואס זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן – 'בָּתַר תְּרֵיסַר יַרְחֵי שַׁתָּא' נָאךְ דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים; דִי צְוֶועלְף חֳדָשִׁים אִינֶעם יָאר אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי צְוֶועלְף שְׁבָטִים, שֶׁהֵם אֲחוֹרֵי שְׁנֵים עָשָׂר שְׁבָטִים דִּקְדֻשָּׁה וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי קְדוּשָּׁה, שֶׁיּוֹצְאִין מִכְּלַל יִשְׂרָאֵל וָואס זֶענֶען אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, עַל יְדֵי מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים דוּרְךְ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

'וַחֲזֵינָן דַּהֲווּ מְנַסְּרֵי מִגַּרְמַיְהוּ', הַיְנוּ דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, שֶׁעַל יְדֵי מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים דוּרְךְ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, הַחֲקוּקִים עַל עַצְמוֹתָם וָואס אִיז אֵיינְגֶעקְרִיצְט אִין זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, וְהַחֲקִיקָה עוֹבֵר און דִי קְרִיצְן פוּן דִי עֲבֵירוֹת אִין דִי בֵּיינֶער אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, מֵעֵבֶר לְעֵבֶר דוּרְךְ און אַדוּרְךְ, כִּנְסִירָה מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי שְׁנִיטְן, אֲבָל עַל יְדֵי שֶׁאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הַנַּ"ל נִתְעוֹרֵר בִּתְשׁוּבָה אָבֶער וֶוען דֶער אִיד וֶוערְט נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, עַל יְדֵי שֶׁרֶץ קָטָן שֶׁבִּנְחִירָיו, עַל יְדֵי שֶׁהִרְגִּישׁ טֻמְאָה קְטַנָּה שֶׁמְּקַבֶּלֶת אוֹתוֹ, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶס הָאט זִיךְ אַרֵיינְגֶעכַאפְּט בַּיי אִים שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס שְׁטֶערְן אִים פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווִיל צוּרִיק קֶערְן דִי מַלְכוּת פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, לֶערְנְט אִים דֶער צַדִּיק אוֹיס זִיךְ צוּ מִתְוַדֶּה זַיין, און דֶער מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה – אַזוֹי גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, עַל יְדֵי תְּשׁוּבָתוֹ גּוֹרֵם דוּרְךְ זַיין תְּשׁוּבָה אִיז עֶר גוֹרֵם, שֶׁגַּם אֵלּוּ הָרְשָׁעִים אַז אוֹיךְ דִי רְשָׁעִים – נַעֲשׂוּ כִּסֵּא לַקְּדֻשָּׁה טוּעֶן תְּשׁוּבָה און זֵיי בַּאקוּמֶען אוֹיךְ דִי

וְיֵשׁ בְּנֵי־אָדָם שֶׁיּוֹצְאִין מֵהַקְּדֻשָּׁה.

**וְזֶה** שֶׁסִּפֵּר הַתַּנָּא, שֶׁהִדֵּר וְחָזַר לְעַיֵּן בְּאֵלּוּ שֶׁהֵם בָּתַר תְּרֵיסַר יַרְחֵי שַׁתָּא, שֶׁהֵם אֲחוֹרֵי שְׁנֵים־עָשָׂר שְׁבָטִים דִּקְדֻשָּׁה, שֶׁיּוֹצְאִין מִכְּלַל יִשְׂרָאֵל עַל־יְדֵי מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים.

**וַחֲזֵינָן** דַּהֲווּ מְנַסְּרֵי מִגַּרְמַיְהוּ – הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים הַחֲקוּקִים עַל עַצְמוֹתָם, וְהַחֲקִיקָה עוֹבֵר מֵעֵבֶר לְעֵבֶר כִּנְסִירָה מַמָּשׁ. אֲבָל עַל־יְדֵי שֶׁאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הַנַּ"ל נִתְעוֹרֵר בִּתְשׁוּבָה עַל־יְדֵי שֶׁרֶץ קָטָן שֶׁבִּנְחִירָיו, עַל־יְדֵי שֶׁהִרְגִּישׁ טֻמְאָה קְטַנָּה שֶׁמְּקַבֶּלֶת אוֹתוֹ, עַל־יְדֵי תְּשׁוּבָתוֹ גּוֹרֵם, שֶׁגַּם אֵלּוּ הָרְשָׁעִים נַעֲשׂוּ כִּסֵּא לַקְּדֻשָּׁה.

וִיהָבֵי לִבְנְיָנָא הַנַּךְ מְחוֹזָא – שֶׁעוֹזְרִים גַּם הֵם לְעוֹבְדֵי הַשֵּׁם, שֶׁיִּבְנוּ הַנַּךְ מְחוֹזָא הַנַּ"ל:

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: אָנֹכִי ה' אֱלֹהֶיךָ** – פֵּרוּשׁ הֵן ה' הֵן אֱלֹהֶיךָ תָּבִין, שֶׁכָּל זֹאת אָנֹכִי, הַיְנוּ שֶׁתְּקַיֵּם: "בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר", הַיְנוּ כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב, כַּנַּ"ל. אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם – דְּאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית-רַבָּה טז), כִּי כָּל הַגָּלֻיּוֹת נִקְרָאִים עַל שֵׁם גָּלוּת מִצְרַיִם, מִפְּנֵי שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל. הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי הַצַּדִּיק נִתְבַּטֵּל מַלְכוּתָם וּמֶמְשַׁלְתָּם שֶׁל הָעַכּוּ"ם, כִּי עַל-יְדֵי זֶה עוֹלָה מִתּוֹכָם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה כַּנַּ"ל.

שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן אַז דִי קֶענִיגְרֵייךְ גֶעהֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וִיהָבֵי לִבְנְיָנָא הַנַּךְ מְחוֹזָא' 'שֶׁעוֹזְרִים גַּם הֵם לְעוֹבְדֵי הַשֵּׁם און זֵיי הֶעלְפְן די עֶרְלִיכֶע אִידְן, שֶׁיִּבְנוּ הַנַּךְ מְחוֹזָא הַנַּ"ל אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קְדוּשָׁה.

**דֶער צַדִּיק עֶפְנְט דִי אוֹיגְן**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת כ, ב): 'אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ', פֵּרוּשׁ הֵן 'ה' סַיי דֶער שֵׁם הֲוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא וָואס ווַייזְט אוֹיף מִידַּת הָרַחֲמִים, הֵן 'אֱלֹקֶיךָ' סַיי די שֵׁם אֱלֹקִים וָואס ווַייזְט אוֹיף דִּינִים - תָּבִין דַארְפְסְטוּ פַארְשְׁטֵיין, שֶׁכָּל זֹאת אַז אַלֶעס - 'אָנֹכִי' קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הַיְנוּ שֶׁתְּקַיֵּם אַז דוּ זָאלְסְט מְקַיֵּים זַיין 'בַּה'' ווֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ מִיט מִדַּת רַחֲמִים - (שֵׁם הֲוַיָ"ה אִיז די שֵׁם פוּן רַחְמָנוּת) 'אֲהַלֵּל דָּבָר' לוֹיב אִיךְ אִים, 'בֵּאלֹקִים' און ווֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זִיךְ מִיט מִדַּת הַדִּין (שֵׁם אֱלֹקִים אִיז די שֵׁם פוּן דִּין) - 'אֲהַלֵּל דָּבָר' לוֹיב אִיךְ אִים, הַיְנוּ כֻּלּוֹ הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב כַּנַּ"ל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, 'אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם' וָואס הָאט דִיךְ אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף צָרוֹת און שְׁוֶוערִיקַייטְן, **דְּאִיתָא בַּמִּדְרָשׁ**, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה טז, ז), כִּי 'כָּל הַגָּלֻיּוֹת' אַז אַלֶע צָרוֹת, 'נִקְרָאִים' ווֶערְן אָנְגֶערוּפְן, 'עַל שֵׁם גָּלוּת מִצְרַיִם' מִיטְן נָאמֶען מִצְרַיִם, 'מִפְּנֵי שֶׁהֵם מְצֵרִים לְיִשְׂרָאֵל' ווַייל זֵיי מַאכְן עֶנְג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; ווַייל ווֶען מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גֶעבְּט די מַלְכוּת פַאר די סִטְרָא אַחֲרָא, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין מִצְרַיִם, פוּל מִיט אַלֶע סָארְט גֶעטְשְׁקֶעס - ווֶערְט זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען לַיידְט צָרוֹת, בִּיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעקוּמֶען און אַרַיינְגֶעשַׁיינְט די אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, הַיְנוּ שֶׁעַל יְדֵי הַצַּדִּיק און דוּרְךְ הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק, נִתְבַּטֵּל מַלְכוּתָם וּמֶמְשַׁלְתָּם שֶׁל הָעַכּוּ"ם ווֶערְן זֵיי בָּטֵל; דֶער צַדִּיק עֶפְנְט די אוֹיגְן, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְט ווֶעט בָּטֵל זֵייעֶר גַאנְצֶע כֹּחַ, כִּי עַל יְדֵי זֶה ווַייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן צַדִּיק, עוֹלָה מִתּוֹכָם מַלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה גֵייט אַרוֹיף די מַלְכוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען אַז סַיי דִין און סַיי רַחֲמִים, אַלֶעס אִיז נָאר לְטוֹבָה, כַּנַּ"ל (אוֹת ב).

**מַבִּית עֲבָדִים** — זֶה רֶמֶז עַל בִּטּוּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁל אַרְבַּע יְסוֹדוֹת, הַמְּכֻנִּים בְּשֵׁם עֲבָדִים, כִּי כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת הֵם מִתַּחַת גַּלְגַּל הַיָּרֵחַ. וְהַיָּרֵחַ מְכֻנֶּה בְּשֵׁם עֶבֶד, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר (וַיֵּשֶׁב קפ"א): "הִנֵּה יַשְׂכִּיל עַבְדִּי" — דָּא סִיהֲרָא. פֵּרוּשׁ: עַל־יְדֵי הַצַּדִּיק עוֹלָה הַמַּלְכוּת מִן הַסִּטְרָא אָחֳרָא, וְנִתְבַּטְּלִים הַמִּדּוֹת רָעוֹת, וְעַל־יְדֵי זֶה הָאָדָם בָּא לִבְחִינַת עוֹלָם הַבָּא, לִבְחִינַת: "בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר, בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר":

**אויסאַרבעטן די שלעכטע מידות**

'**מִבֵּית עֲבָדִים**' זֶה רֶמֶז דאס ווייזט אונז, עַל **בִּטּוּל הַמִּדּוֹת רָעוֹת** ווי אַזוֹי מען קען אויסאַרבעטן די שלעכטע מידות, שֶׁל **אַרְבַּע** יְסוֹדוֹת וואס קומען פון די פיר יְסוֹדוֹת כַּנַּ"ל, הַמְּכֻנִּים בְּשֵׁם עֲבָדִים וואס מען רופט זיי אָן מיט די נאָמען 'קנעכט', ווייל קנעכט האָבן אַלע שלעכטע מידות, אויך ווייל דער קנעכט האט גענומען די מַלְכוּת פונעם אייבערשטן און דאס געטראָגן צו די עכו"ם, און דערפאַר זאָגן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִדּוּשִׁין כב:) אַז מען בארט דעם אויער פונעם קנעכט, ווייל די אויער וואס האט געהערט אויפן בארג סיני (וַיִּקְרָא כה, נה): 'כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים' אידן זענען מיינע קנעכט, וְלֹא עֲבָדִים לַעֲבָדִי, און נישט קנעכט פאַר מיינע קנעכט, כִּי כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת ווייל די אַלע פיר יְסוֹדוֹת פון אֵשׁ רוּחַ מַיִם עָפָר הֵם מִתַּחַת גַּלְגַּל הַיָּרֵחַ זענען אונטער די פּלאַנעט פון די לְבָנָה, וְהַיָּרֵחַ און די לְבָנָה מְכֻנֶּה ווערט אָנגערופן בְּשֵׁם עֶבֶד מיטן נאָמען קנעכט, **כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר** (וַיֵּשֶׁב קפא:) אַזוֹי ווי דער זוהר הַקָּדוֹשׁ זאָגט, אויפן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נב, יג): '**הִנֵּה יַשְׂכִּיל עַבְדִּי**', '**דָּא סִיהֲרָא**' דאס מיינט מען די לְבָנָה, **פֵּרוּשׁ** דאס איז פְּשַׁט: עַל יְדֵי הַצַּדִּיק אַז דורך הִתְקָרְבוּת לַצַּדִּיק, **עוֹלָה הַמַּלְכוּת** גייט אַרויס די מַלְכוּת, **מִן הַסִּטְרָא אָחֳרָא** פון די סִטְרָא אַחֲרָא, **וְנִתְבַּטְּלִים הַמִּדּוֹת רָעוֹת** און עס ווערט בָּטֵל אַלע שלעכטע מידות, **וְעַל יְדֵי זֶה** און דורך דעם, **הָאָדָם בָּא** קען דער מענטש זוֹכֶה זיין צו קומען - **לִבְחִינַת עוֹלָם הַבָּא** צו שפירן אַביסל פון די טַעַם פון עוֹלָם הַבָּא, **לִבְחִינַת** אַז ווען דער אייבערשטער, '**בַּה'**' פירט זיך מיט מִדַּת רַחֲמִים - (שֵׁם הֲוָיָ"ה איז די שֵׁם פון רַחְמָנוּת) '**אֲהַלֵּל דָּבָר**' לויב איך זיינע רייד, '**בֵּאלֹהִים**' און ווען דער אייבערשטער פירט זיך מיט מִדַּת הַדִּין (שֵׁם אֱלֹקִים איז די שֵׁם פון דין) - '**אֲהַלֵּל דָּבָר**' לויב איך זיינע רייד, ער קומט צו די מַדְרֵיגָה פון דאַנקען דעם אייבערשטן, סיי אויף גוטס און סיי אויף שלעכטס.

# מַעֲשֶׂה בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב

## אֵיידֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה: (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן נח)

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס פְלֶעגְט גֵיין צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער אִיד אִיז לֹא עָלֵינוּ קְרַאנְק גֶעוָוארְן, דֶער אִיד הָאט גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב בֶּעטְן עֶר זָאל קוּמֶען צוּ אִים, וְכֵן הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעפָארְן מְבַקֵּר חוֹלֶה זַיין, אוֹיפְן וֶועג הָאט דֶער שָׁלִיחַ גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען זִיכֶער נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי קֶען זַיין אַז דֶער חוֹלֶה צוּ וֶועם מִיר פָארְן יֶעצְט עֶר הָאט דָאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וִוי קֶען זַיין עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט?" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז טַאקֶע וָואר דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען טוּט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה וֶועט מֶען נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פַאר דִי צַייט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ וָואר אַז דֶער אִיד הָאט אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען פַארְן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר נִישְׁט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אוּן דֶערְפַאר פָאר אִיךְ צוּ

אִים כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְוַדֶּה זַיין פַאר מִיר, אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַאר מִיר וֶועט עֶר גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט וֶוערְן, אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן מִתְוַדֶּה זַיין - וֶועט עֶר וֶוערְן נָאךְ מֶער קְרַאנְק אוּן עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן 'גֶעוָואלְד, וַויי וַויי' - פוּן גְרוֹיס וֵוייטָאג, בִּיז עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, אוֹיבְן אִין הִימְל רֶעכְנְט מֶען אִים נִישְׁט דִי עֲבֵירוֹת וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן אוֹיךְ נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועלְן דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי חִיצוֹנִים נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם כֹּחַ אוֹיף אִים וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אָבֶּער וִוי לַאנְג עֶר לֶעבְּט נָאךְ וֶועלְן דִי חִיצוֹנִים זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין אִים".

**וְכֵן** הֲוָה, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "זָאג מִיר דַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס דוּ וֵוייסְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אוּן אוֹיךְ אִיךְ וֵוייס", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דְרֵיי מָאל, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי" - אוֹיף זַיינֶע וֵוייטָאג וַוייל זַיינֶע גְלִידֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן.

**נָאכְן** דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶבִּי מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז דוּרְךְ וִדּוּי דְבָרִים פַארְן צַדִּיק גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פוּן דִי בֵּיינֶער.

# מהדורת צ'יג

זכות מהדורת הספר הקדוש
הזה יקרא על שם
הנדיב היקר

## מוה"ר אליהו צ'יג הי"ו

וזוגתו **מלכה** תחי'

וילדיהם:
יכט, יוסף, שרה פיגא, מנחם זאב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה, ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים יגן וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון.

בס"ד




IDEA. 8457769664

# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט איך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**